STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05056

VELTLEKHKEYT, TRADITSYE, UNDZER YIDISHKAYT

Workmen's Circle (US)

Permanent preservation of this book was made possible
by Drs. Alan & Rebecca Green
in memory of
beloved father, Ira Green

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

װעלטלעכקײט,
טראַדיציע,
און דער ײדישקײט

(אַ פרײער אױסטױש פֿון מײנונגען)

אַרױסגעגעבן פֿון בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג
1968

װעלטלעכקייט, טראַדיציע, אונדזער ייִדישקייט —
אַ פרייער אויסטויש פון מיינונגען

באַטייליקטע אין דער דיסקוסיע:

יאָסל מלאָטעק —
בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג, רעדאַקטאָר פון „קולטור און דערציאונג״ און „קינדער־צייטונג״, מיטרעדאַקטאָר פון „קולטור און לעבן.״

יודל מאַרק —
פּעדאַגאָג, מחבר פון לערנביכער פאַר דער ייִדישער עלעמענטאַר־און מיטל־שול, רעדאַקטאָר פון „גרויסן ייִדישן װערטערבוך״.

י. ט. זוקערמאַן —
געװעזענער פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג, ריכטער אין דער שטאַט ניו־יאָרק.

װיליאַם סטוירן —
אַדמיניסטראַטיװער דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג, רעדאַקטאָר פון אַרבעטער־רינג „קאַל״.

מ. װלאַדקאָװסקי —
דירעקטאָר פון דער פאַראייניקטער מיטלשול (אַרבעטער־רינג און שלום־עליכם פאָלקס אינסטיטוט אין ניו־יאָרק).

מ. אָליצקי —
פּאָעט, לערער אין די אַרבעטער־רינג שולן, מיטרעדאַקטאָר פון „קינדער־צייטונג״.

א. סטאָון —
פאָרזיצער פון דער צענטראַלער שול־פאַרװאַלטונג פון אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק.

י. נאַסקאָװיץ —
קאָנסולטאַנט פאַר די ייִדישע שולן, מחבר פון געשיכטע־בוך „מיין פאָלק״.

א. גאָלאָמב —
פּעדאַגאָג, מחבר פון ביכער און אַרטיקלען װעגן דערציאונג און ייִדישע פּראָבלעמען.

ד״ר ע. פּאַט —
שרייבער און געזעלשאַפטלעכער טוער, פאָרזיצער פון אַרבעטער־רינג קולטור־צענטער אין די בראָנקס, שרייבט אָפט װעגן פּראָבלעמען פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע.

מאַניע ריינהאַרץ —

לאַנג־יאָריקע לערערין אין ציש״אָ־שולן אין פוילן. לעצטע פופצן יאָר לערערין אין דער אַרבעטער־רינג שול אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

ליאָ האָראָוויץ —

שול־טוער, מיטגליד פון דער ניו־יאָרקער צענטראַלער שול־פאַרוואַלטונג פון אַרבעטער־רינג.

ד״ר שיקל פישמאַן —

פאָרש־פּראָפעסאָר פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן, פּערקאַוף גראַדואיר־שול פאַר הומאַניסטיק און סאָציאַלע וויסנשאַפטן, ישיבה־אוניווערסיטעט, אַ גראַדואַנט פון דער פילאַדעלפיער אַרבעטער־רינג מיטל־שול.

מ. אַלעקסאַנדער —

בונדישער טוער אין אייראָפּע פאַר דער מלחמה. היינט רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סידנעיער יידיש־אינגזל״, אויסטראַליע.

ח. ז. קאַזדאַן —

געוועזענער פאָרזיצער פון „ציש״אָ״ אין פוילן, שריפטשטעלער, מחבר פון וויכטיקע ביכער וועגן ליטעראַטור און דערציאונג, צוזאַמענשטעלער פון שול־כרעסטאָמאַטיעס, לערער פון יידישער ליטעראַטור אין יידישן לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק.

ד״ר שלמה סיימאָן —

שריפטשטעלער, פּעדאַגאָג, מחבר פון אַ צאָל ביכער פאַר קינדער און דערוואַקסענע, טוער אין די ש״ע־שולן.

משה שטאַרקמאַן —

שריפטשטעלער, ביבליאָגראַף, היסטאָריקער, מיטאַרבעטער פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, מיטרעדאַקטאָר פון „לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״.

אַ וואָרט פון רעדאַקטאָר

די אַרטיקלען וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט אין דער בראָשור זיינען געווען געדרוקט, אויפן סמך פון פרייער דיסקוסיע, אין זשורנאַל „קולטור און דערציאונג", פון דעצעמבער 1966 ביז יוני 1967. די דיסקוסיע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינ־טערעס און עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט ניט נאָר שרייבערס, קולטור־טוערס, לערערס און שול־פאַרוואַלטערס, נאָר אויך טויזנטער אַרבעטער־רינג־מיטגלידער וואָס האָבן די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען דיסקוטירט אויף זייערע ברענטש־זיצונגען און שול־פאַרוואַלטונגען. מען האָט כסדר פאַרלאַנגט פון אונדז מיר זאָלן צושיקן מער קאָפּיעס פון „קולטור און דערציאונג" וואו די דיסקוסיע איז געפירט געוואָרן, ביז מיר האָבן אויסגעשעפּט אַלע פאַרבליבענע עקזעמפּלאַרן.

מיטן אַרויסגעבן די איצטיקע בראָשור ווילן מיר סטימולירן אַז די דיסקוסיע זאָל ווייטער געפירט ווערן. ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן. עס הערשט ביי אונדז ניט־קלאָרקייט און אַפילו צעטומלטקייט וואָס שייך די פּראָבלעמען פון וועלטלעכקייט און טראַדיציע. מיט קיין רעזאָלוציעס וועט מען ניט קענען זיך באַפרייען פון די ספקות און בלאָנדזשענישן. נאָר אַן אָפענער און אויפריכטיקער מיינונגס־אויס־טויש וועט, האָפן מיר, קענען אַריינברענגען מער קלאָרקייט אין די ענינים.

מיר האָפן אַז די איצטיקע בראָשור (מיט ענגלישע קיצורים פון די אַרטיקלען) איז אַ גוטער שריט אין דער ריכטונג.

י. מלאָטעק

בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג

יידישע ווערטער און יידישע ווערטן

(אַריינפיר אין דער דיסקוסיע)

פון יאָסל מלאָטעק

אויף אַן אַנדער אָרט וועלן די לייענערס געפינען אַן אַרטיקל פון יודל מאַרק, וועמען מיר דאַרפן פאַר קיינעם ניט פאָרשטעלן. מאַרק וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן צו הייבן חשיבות פון יידיש אין די אויגן פון דער וועלט און פון אונדזער אייגענעם אַרום, פרעגט אין דעם אַרטיקל האַרבע קשיות; ער, וואָס האָט אונדז ניט איין מאָל דערמאָנט, אַז יידישע ווערטער, זיינען אויך יידישע ווערטן, פאַרענדיקט זיין אַרטיקל, וואָס ווערט געדרוקט אויפן סמך פון פרייער דיסקוסיע, מיט די ווערטער: „יידיש אַליין איז ניט גענוג. עס דאַרף אויך זיין יידיש לעבן!" מיר גלייבן קוים צי עס איז ביי אונדז פאַראַן עמיצער וואָס זאָל האַלטן אַז „יידיש אַליין איז גענוג". אונדזער שול, אונדזער מאָדערנע קולטור־סביבה, וואָס די שול איז פון איר אַרויסגעוואַקסן, האָט יידיש־לשון תמיד אָנגעפילט מיט טיפן אינהאַלט; יידיש איז ביי אונדז באַקליידט געוואָרן מיט סאָציאַלן פּאַטאָס, מיט אַ טיפן גלויבן אין אַלטע משיחישע חלומות פאַר נייע דורות אין נייע צייטן און וועלטן.

מיר האָבן אַלע געלעבט יידיש, הגם אַנדערש ווי אונדזערע טאַטעס און מאַמעס. עס איז געשאַפן געוואָרן — ניט פון יחידים און טעאָרעטישע קאָנפערענצן אָדער ביים שרייבטיש — אַ נייער לעבנסשטייגער, נייע מנהגים און יום־טובים. ווען מאָריס ראָזענפעלד, לדוגמא, האָט געזונגען „ס'קומט צו גיין דער ערשטער מאַי", האָט ער געזונגען וועגן אַ יידישן יום־טוב, אין וועלכן מיר האָבן אַריינגעוועבט אויף יידיש אונדזערע נייע תפילות, געפילן און חלומות, הגם דער אורשפרונג פון דעם יום־טוב איז גאָר געקומען פון אַנדערע געשיכטלעכע שליאַכן.

ווען יונגע יידישע ייִנגלעך און מיידלעך פלעגן אין פוילן זיך אויפהייבן פאַרטאָג און זיך לאָזן איבער די גאַסן צו פאַרשפּרייטן זייער „פאָלקסצייטונג". פונקט ווי עס האָבן עס געטאָן יונגע אַרבעטער־אימיגראַנטן דאָ אין אַמעריקע, אין די ערשטע יאָרן פון „פאָרווערטס", איז עס געווען געלעבט יידיש. ווען טויזנטער יונגע און עלטערע יידן פלעגן לויפן צו די לעקציעס און דעבאַטעס פון זייערע באַליבטע יידישע שרייבערס און שלינגען זייערע רייד, ווי חסידים ביים רבינס טיש, איז עס געווען אַ נייער יידישער לעבנסשטייגער.

די „קעסטל־אָוונטן" און „ליטעראַרישע פּרייטיק־צו־נאַכטסן" אין אונ־

הזערע שולן און לייבאַר־לייסעומס, זיינען געווען אַ טייל פון אַ ניי יידיש לעבן. די דעמאָנסטראַציעס און פּאַראַדן זיינען געווען נייע יום־טובים און געדענק־טעג, נייע צערעמאָניאַלן און פּירונגען, וועגן וועלכע מאַרק רעדט אין זיין אַרטיקל, אַז אָן זיי איז נים מעגלעך קיין יידיש לעבן.

ציימן האָבן זיך געביטן און עס איז מער נישטאָ די פֿולסירנדיקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, פֿון וועלכער מיר זיינען געווען אַ טייל. ניטאָ אויך מער דאָס יידישע פֿאָלקסטימלעכע לעבן פֿון אַמאָל. די אַסימילאַציע האָט דאָ, ווי אַ בייזער שטורעם, אָפּגעריסן פֿון אונדז פֿיל לעבעדיקע צווייגן, אברים פֿון אונדזער פֿאָלקס־אָרגאַניזם.

ווי אַזוי זשע זאָלן מיר פּאַרט אָנהאַלטן אַ יידיש־שעפּעריש לעבן אין אַזעלכע נייע, געענדערטע באַדינגונגען?

שבת און יום־טוב

מאַרק רעדט אין זיין אַרטיקל וועגן צוריק אַריינברענגען אין דער יידישער היים און אין דער שול דעם יידישן יום־טוב, דעם צערעמאָניאַל, דעם שבת.

ניטאָ, דוכט מיר, אין אונדזער יידיש־וועלטלעכער סביבה קיין סך וואָס זאָלן זיין קעגן יום־טובים. די חילוקי־דעות הייבן זיך אָן נאָר ווען מען נעמט רעדן וועגן די פּאַרמען; ווי אַזוי — פרעגן זיך פֿיל — זאָל אויסזען אַ שבת אין אונדזער היים, וואו מען איז „מחלל שבת" אויף שריט און טריט? וואָס זאָל מען טאָן מיט די „דערהייבנדיקע און לייטערנדיקע ימים־נוראים", וועגן וועלכע מאַרק זאָגט אַז „אַ טייל וועלטלעכע יידן שרעקן זיך פֿאַר זיי ווי דער שד פֿאַר ווייערך"? זאָלן מיר גיין צו תשליך און שלאָגן כפּרות? בלאָזן שופר און זיך שלאָגן „על־חטא"?

די פראַגעס ווערן געפרעגט ניט מיט איראָניע, ווי עס קען זיך אויס־דוכטן, נאָר מיט דער פֿולער ערנסטקייט: ווי אַזוי שאַפט מען יום־טובדיקייט אין אַ יום־טוב אין וועלכן מען גלייבט ניט? אַ סך וועלטלעכע יידן בלייבן זיצן ימים־נוראים אין דער היים און רירן זיך ניט אַרויס אַ גאַנצן טאָג. זיין אין גאַס שעמט מען זיך און גיין אין שול קען מען ניט — זיצט מען אין דער היים פֿאַרלוירענע. עס דוכט זיך אַמאָל, אַז די אַמאָליקע אַראָנזשי־רערס פֿון ליטעראַרישע אָוונטן אין דער כל־נדרי־נאַכט זיינען געווען גאַנצערע יידן, ווי מיר זיינען. זיי האָבן אויך געלעבט יידיש יענעם אָוונט. דאָס איצטיקע פֿאַרבאַהאַלטן זיך אין דער היים ביים טעלעוויזיע־קעסטל, איז געוויס ווייניקער יידיש ווי יענע „אָוונטן" פֿון די געשוואוירענע אַפּיקורסים און גאָט־לעסטערערס.

דערפֿאַר קלינגט אין מיינע אויערן פֿאַלש די מיינונג, וואָס מיר זאָגן אָפּט אַרויס וועגן זיך אַליין, אַז ערשט איצט אין די לעצטע עטלעכע יאָרן, זיינען אונדזערע שולן און מיר אַלע געוואָרן יידישלעכער, ווי מיר זיינען

געוועזן אַמאָל. נייז, מיר זיינען תמיד געוועזן יידיש און יידישלעך, אַפילו אין די סאַמע אינטערנאַציאָנאַליסטישע יאָרן אונדזערע. מיר זיינען אַלע מאָל געוועזן יידישע סאָציאַליסטן און ניט סאָציאַליסטן וואָס רעדן צופעליק יידיש. מיר האָבן תמיד געלעבט אַן אייגנאַרטיקן יידיש לעבן, וואָס איז געוועזן שעפעריש וואָס שייך נייע פאָרמען און פירונגען.

דערפאַר זיינען מיר ניט געוואָרן קיין סתם „שפּראַכיסטן" וועגן וועלכע מאַרק רעדט אין זיין אַרטיקל. יידיש איז ביי אונדז תמיד געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט גרויסע, דערהויבענע אידעאַלן.

יידישע יום־טובים האָבן פאַרנומען וויניקער אָרט אין אונדזערע שולן, ווייל זיי האָבן פאַרנומען וויניקער אָרט אין דעם לעבן פון די עלטערן, וואָס זייערע קינדער האָבן זיך ביי אונדז געלערנט.

די פאָרשונגען וואָס מיר האָבן במשך די לעצטע פופצן יאָר דורכגעפירט צווישן די עלטערן פון אונדזערע שולן באַווייזן בולט, אַז יידישע יום־טובים זיינען פון די סאַמע וויכטיקסטע יידישע אידענטיפיקאַציע־צייכנס ביי אַט די עלטערן. זיי זיינען אַלע סעקולערע יידן, וואָס זוכן אַן אַנהאַלט מיטן יידישן פאָלק און זיינע טראַדיציעס. אין דער סינאַגאָגע אָדער טעמפל גייען זיי ניט און קיין כשרות אין די היימען היט מען ניט אָפּ, אָבער דעם יידישן יום־טוב ווילן זיי ווי עס איז אויפהיטן.

ווי אַזוי? — דאָס איז אַ פראַגע מיט וועלכער עס דאַרפן זיך פאַרנעמען וועלטלעכע יידן. פאַר רעליגיעזע יידן איז גענוג אַ ברכה, אָדער אַ תפילה, אַפילו ווען מען פאַרשטייט זי ניט, אָבער פאַר אונדז איז עס ניט גענוג.

מיר מוזן דעם אַלטן יום־טוב אָנפילן מיט נייעם אינהאַלט, כדי צו געפינען אויך אַן אַנהאַלט אין אים היינט. מיר מוזן זוכן נייע פאָרמען, וואָס זאָלן זיין באַפרייט פון דאָגמען און בלינדן פאַנאַטיזם און דאָך וואָרצלען אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

ווי אַזוי זאָלן זיי אויסזען, ווי אַזוי זאָל געשאַפן ווערן דער שטייגער־לעבן פון דעם מאָדערנעם וועלטלעכן יידן, וואָס זאָל אים אויסטיילן פון דעם אָרום — דאָס זיינען פראַגעס וואָס שטייען אויף אונדזער סדר־היום און מיר זיינען צופרידן וואָס יודל מאַרק האָט זיי נאָך אַ מאָל אַוועקגעשטעלט אָפן און קלאָר.

אַלע ווייזן אַן אויפןביישפּיל „דריטער סדר" און מען רעדט מיט אַ סך ליבע וועגן דער צוזאַמענגעשטעלטער הגדה, וואָס ווערט אויך גענוצט ביי די ערשטע און צווייטע סדרים אין אַ סך יידישע היימען. וואָלט אַזאַ הגדה ניט געוועזן — וואָלטן דאָך „די קנידלעך" פאַרנומען דעם אויבנאָן אין די דאָזיקע היימען, פונקט ווי זיי זיינען דער עיקר אין מיליאָנען אַנדערע יידישע היימען, וואו פסח ווערט געפּראַוועט אָן שום טיפערן אינהאַלט — ניט קיין רעליגיעזן און אַוודאי ניט קיין קולטור־געשיכטלעכן.

דאָס איז אונדזערס אַ גרויסער אויפטו. מיר האָבן אַריינגעבראַכט נייעם אינהאַלט אין דעם אַלטן יידישן יום־טוב, וואָס האָט געגומען פאַרלירן די

טראַדיציאָנעלע פאָרמען און איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון טיפערן נאַציאָנאַלן אינהאַלט אין אַ סך יידישע היימען.

מיר ווילן דאָס טאָן מיט אַנדערע יום־טובים און געדענקטעג.

קיינער פון אונדז זוכט ניט צו געבן עצות פרומע יידן, ווי אַזוי זיי זאָלן פראַוועןן די יום־טובים און ווי אַזוי זיי זיי זאָלן זיך פירן. זיי דאַרפן ניט אונדזערע עצות. ווי גרויס איז אָבער דער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע, וואָס האַלט זיך ביי די רעליגיעזע פאָרמען פון יידישקייט ? אַ קליינער, גאָר אַ קליינער טייל.

וואָס זאָל אָבער טאָן די מערהייט יידן ? ווי אַזוי קען אַריינגעבראַכט ווערן אַ נייער און טיפערער אינהאַלט אין זייער לעבן ? ווי אַזוי זאָל אויפן אָרט פון אינהאַלטלאָזן און אָפּטמאָל — וואולגאַריזירטן אופן פון פראַוועןן יום־טובים, איינגעשטעלט ווערן אַ צערעמאָניאַל וואָס זאָל האָבן אינהאַלט און שיינקייט ?

ב ר - מ צ ו ו ה

דער אַנגעוויסטיקסטער פונקט אויף דעם געביט איז בר־מצווה. דאָ זעען מיר — ווי אַ שיינער משפחה־יום־טוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמערציעלער הוליאַנקע, וואָס ווערט דיריגירט לויט די אָנווייזונגען פון די סאָרוועַרס און די זאַלאייגנטימערס.

ד"ר טעאָדאָר גאַסטער האָט נאָך אין יאָר 1951, מיט 17 יאָר צוריק אָנגעוויזן אין „קאָמענטערי", אַז בר־מצווה איז די איינציקע טראַדיציע ביי אַמעריקאַנער יידן וואָס לײדט מער דערפון וואָס זי ווערט אָפּגעהיט ווי זי וואָלט געליטן ווען זי ווערט פאַרנאַכלעסיקט...

זי ווערט אָבער ניט פאַרנאַכלעסיקט.

בר־מצווה פאַרנעמט אַלץ מער און מער אַן אָרט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן און אויך ביי יידן אין אַנדערע לענדער. די פייערונגען ווערן גרעסער פון חתונות. און וואָס גרעסער און רייכער זיי ווערן, אַלץ וויניקער ווערט האָבן זיי פאַר דער יידישער דערציאונג פונעם בר־מצווה בחור און פאַר גייסטיקער יידישקייט בכלל. עס קלאָגן אויף דעם אויך די מער פאַראַנטוואָרטלעכע רעליגיעזע מנהיגים. איינער פון זיי האָט ניט לאַנג צוריק געשריבן : „ווי אַ ראַביי פיל איך זיך שולדיק, ווייל מיר האָבן געהאָלפן אַז אַט דער פאַרס זאָל זיך אַנטוויקלען און מיר האָבן דערביי אָפּט נישקשהדיק דערפון געגאָסן... רבנים וואָלטן געדאַרפט פונאַנדערשיקן אַ קול קורא, וואָס זאָל שטעמפּלען בר־מצווה פאַר אַ ניט־געוואונטשענער דערשיינונג".

קיין קול קוראס וועלן אָבער מער ניט העלפן. בר־מצווה איז געוואָרן אַ טייל פונעם יידישן לעבן און עס איז דעריבער וויכטיק אים אָנצופילן מיט אינהאַלט. בר־מצוות ווערן איצט געפּראַוועט פון פרייע, ווי פון פרומע, פון אַפּיקורסים, ווי פון רעליגיעזע. אין צייטונגען און זשורנאַלן פון אויסגעשפּראָכענע אַפּיקורסים און אַנטי־קלעריקאַלן קען מען היינט ניט זעלטן

טרעפן באַגריסונגען „צום 13־יאָריקן געבורטסטאָג" פון זין און אייניקלעך פון די קאָמפּערס קעגן טראַדיציאָנעלע צערעמאָניעס. מיר ווייסן, אַז דאָס זיינען מערסטנס פיל מער ווי סתּם „דרייצן־יאָריקע געבורטסטאָג־שׂמחות". דאָס זיינען בר־מצוות מיט אַלע קליפּערלעך, לויט די לעצטע מאָדעס פון דער „קייטערער־אינדוסטריע".

מיר, די וועלטלעכע יידן, האָבן אָבער נאָך אַלץ ניט קיין קלאָרע און פּרינציפּיעלע שטעלונג צו אָט דער דערשיינונג אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן. מיר פאַרמאַכן די אויגן אויף אַ פאַקט, וואָס אַלע זעען אים און כמעט אַלע פּראַקטיצירן אים. איך דערמאָן זיך, אַז ביי דעם ערשטן שול־צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־רינג־שולן, וואָס איך האָב בייגעוואוינט, מיט אַ 16 יאָר צוריק, האָבן שול־טוערס געפרעגט דעם דעמאָלטיקן בילדונגס־דירעקטאָר נ. כאַנין, וואָס עס איז די אָפיציעלע שטעלונג צו בר־מצווה. כאַנין האָט דעמאָלט געענטפערט, אַז אונדזער אָפיציעלע שטעלונג איז ניט צו האָבן קיין אָפיציעלע שטעלונג: דאָס ווערט געלאָזן צו באַשטימען פאַר יעדער שול־פאַרוואַלטונג. עס איז מעגלעך, אַז דאָס איז מיט 16 יאָר צוריק געווען די געזונטסטע שטעלונג פאַר אונדזער שול־באַוועגונג. כאַנין האָט גוט געקענט אָפּשאַצן אַ סיטואַציע און סטראַטעגיש איז דאָס געוויס דער בעסטער אויסוועג אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון דער שול־באַוועגונג. היינט איז אָבער כמעט ניטאָ קיין שול אין ניו יאָרק און איבערן לאַנד (חוץ קאַנאַדע) וואו מען זאָל ניט צוגרייטן די בחורים צו בר־מצווה.

מיר דוכט זיך אָבער, אַז ווען וועלטלעכע יידן וואָלטן מיט פופצן, אָדער צוואַנציק יאָר צוריק ניט מורא געהאַט צו קוקן דערווירקלעכקייט אין די אויגן אַריין, וואָלטן זיי זיך גענומען צוגרייטן בר־מצווה־פּראָגראַמען, ווי זיי האָבן צוגעגרייט נייע, מאָדערנע הגדות, וואָס וואָלטן געווען אין גייסט פון מאָדערנע וועלטלעכע יידן, און זיי וואָלט היינט ניט געדאַרפט אָנקומען צו אינהאַלטלאָזע צערעמאָניעס.

די וועלטלעכע בר־מצוות וואָס ווערן דורכגעפירט אין אַ טייל פון אונדזערע שולן און אויך אויף אַ פּריוואַטן אופן האָבן פיל מער דערציערישן ווערט, ווי די אַזוי־גערופענע „רעליגיעזע" בר־מצוות. אויסער מיט קליינע אויסנאַמען, ביי די אמת־אָרטאָדאָקסישע יידן, זיינען דאָך אין אַמעריקע קיין רעליגיעזע בר־מצוות פּאַקטיש ניט פאַראַן. די אויפן־גראַמאַפאָן־אויסגעלערנטע הפטורות און די „באַרימטע" „היינט־ווער־איך־אַ־מאַן"־דרשה האָט צו טאָן מיט רעליגיע פונקט אַזוי פיל, ווי דער שרייענדיקער דזשעז־אָרקעסטער אויפן בר־מצווה־באַל.

ווי קען מען דאָס פאַרגלייכן צו אַ וועלטלעכן בר־מצווה יום־טוב, וואו דעם אויבנאָן פאַרנעמט אַ רעדע וועגן יידישער געשיכטע, אָדער יידישער ליטעראַטור, וועגן וואָס דער בחור האָט געלערנט אין דער יידישער שול און וואו מען הערט יידיש געזאַנג און שיינע פאָלקסטימלעכע מוזיק?

עס קען גאָר קיין פאַרגלייך ניט זיין, ווייל די א"ג, „רעליגיעזע בר־

מצוות" זיינען אין מערסטע פאַלן פוסט און אינהאַלטסלאָז און פונקט ווי דער פריער־ציטירטער ראַביי מוזן מיר צוגעבן: מיר זיינען אויך שולדיק אין דעם.

מיר זיינען שולדיק אַן ענטפער

מיר זיינען שולדיק ווייל מורא האָבנדיק זיך צוצורירן צו דער פּראָבלעם, האָבן מיר פּאַקטיש געלאָזט אויף הפקר טויזנטער עלטערן וועמען עס איז דערווידער אַזאַ הוליאַנקע, אָבער זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט און זיי ווערן מיטגעשלעפּט מיטן שטראָם.

עס איז דעריבער, לויט אונדזער מיינונג, די העכסטע צייט, אַז עס זאָל געענדערט ווערן די „אָפיציעלע" שטעלונג ניט צו האָבן קיין אָפיציעלע שטעלונג וועגן בר־מצווה.

בר־מצווה קען ווערן אַ שיינער און אינהאַלטרייכער יום־טוב אין אונדזער יידישער שול און אין דער יידיש־וועלטלעכער היים. אפשר וואָלט כדאי געווען צונויפצורופן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ פון יידישע לערערס, שרייבערס, קינסטלערס, מוזיקערס און עלטערן, וואו מען זאָל צוזאַמען פּרוּוון אויס־אַרבעטן די פאָרמען פון דעם יום־טוב?

אפשר וואָלט כדאי געווען צו שאַפן אַ שטענדיקע קערפּערשאַפט פון אַזאַ קאָנפערענץ, וואָס זאָל כסדר זוכן און קומען מיט פּלענער צו אונדזער יידיש־וועלטלעכער סביבה, ווי אַזוי אַריינצוברענגען יום־טוב און יידישן אינהאַלט אין אונדזערע היימען?

אַוודאי ווייסן מיר, אַז אַזאַ קאָנפערענץ וועט ניט האָבן די אויטאָריטעט פון „נעשה ונשמע" און מיר ווילן גאָרניט אַזאַ אויטאָריטעט אויף וועמען עס איז אַרויפצווינגען.

וואָס מיר ווילן אָבער יאָ, איז — געבן אַ מעגלעכקייט די עלטערן וואָס זוכן נייע פאָרמען פאַר אָפּטמאָל פּוסטע צערעמאָניאַלן אַז זיי זאָלן האָבן וואו זיך צו ווענדן און קערן.

יעדער לערער פון דער יידישער שול קען דערציילן וועגן צענדליקער פאַלן ווי עלטערן קומען צו אים פרעגן עצות ווי אַזוי צו פּראַווען אַ יידישן יום־טוב. די דאָזיקע עלטערן ווייסן גאַנץ גוט דעם אַדרעס פון דעם „ראַביי" אין דער געגנט, אָבער זיי גייען ניט צו אים. זיי האָפן אין דער יידיש־וועלטלעכער שול צו געפינען אַ נייע פאָרעם אויסצודריקן זייער יידישקייט.

ווי לאַנג קענען מיר לאָזן די דאָזיקע זוכנדיקע און בלאָנדזשענדיקע יידן מיט דעם ענפטער, אַז מיר האָבן ניט קיין ענטפער?

ביים זוכן ענטפערס

פון י. מאַרק

אין „פאָרווערטס״ פון 12טן נאָוועמבער, 1966, איז איבער דעם גע־ווינלעכן שבתדיקן אַרטיקל פון פריינד ברוך שעפנער פאַראַן אַ גרויסער קאַפּ: „וועלטלעכע יידן זוכן ענטפערס״. אָט דער זאַץ איבער דעם אַרטיקל וועקט צופרידנקייט. עס איז זייער ביטער ווען מע מיינט אַז מע האָט שוין די אַלע ענטפערס ביי זיך אין קעשענע. אין אַזאַ פאַל נאַרט מען געוויינלעך זיך און אַמאָל וויל מען אויך נאַרן אַנדערע. נאָר תמימותדיקע מאמינים אָדער די וואָס זיינען אומפעאיק צו טראַכטן זיינען פּטור פון זוכן ענטפערס. וועלטלעכע יידן מוזן תמיד זוכן ענטפערס, ווייל אַ וועלטלעכער איז פריער פון אַלץ אַן אַנטי־דאָגמאַטיקער. איז דעריבער אַ פרייד צו הערן אַז וועלטלעכע יידן פאַרנעמען זיך מיט זוכן ענפטערס.

צווישן די אונטערקעפּלעך איז פאַראַן אַ גרונטיקע פראַגע: „איז די יידישע שפּראַך געגנוג אויפצוהאַלטן יידישקייט?״, און ביים ציטירן אַ בריוו פון אַ פרוי מיטן פאַמיליען־נאָמען שיפּערבלאַט איז די זעלביקע פראַגע פאָרמולירט בולטער, שאַרפער און וויטיקדיקער: „איז די יידישע שפּראַך אַליין גענוג צו היילן אַלע וואונדן וואָס די באַדינגונגען שאַפן?״ אָט די פאָרמולירונג האָט פאַראינטריגירט; זי קומט פון אַ מענטשן וואָס פילט ווי די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן רייסן שטיקער פון אונדזער לייב און זעל, ווי אונדזער יידיש זיין איז צעוואונדיקט, און ווי שטאַרק מיר נייטיקן זיך אין היילונגען. מעג מען גלייבן אָט דער סימפּאַטישער יידישער פרוי ווען זי שרייבט: „איך זוך אַן אָנהאַלט, אַ גלויבן, נאָך מער פאַר מיינע קינדער ווי פאַר זיך״.

די אַלע וואָס בויען יידישע שולן, וואָס זיינען אַריינגעטאָן אין יידישער קולטור־אַרבעט, בכלל אַלע וואָס זיינען וועלטלעך (אָדער מיינען אַז זיי זיינען וועלטלעך), זיינען מחויב צו געבן אַן ענטפער זיך און אַנדערע אויף דער פראַגע פון דער דערמאָנטער פרוי שיפּערבלאַט אָדער אויף ענלעכע, אַ ביסל אַנדערש פאָרמולירטע פראַגעס. דעם ענטפער דאַרף מען ניט געבן מיט זיך־צופרידענער זיכערקייט, נאָר מיט אַ זוכערישן און קריטישן איינשטעל. די אמתע פראַגעס דרינגען אַרויס פון דעם וואָס מע רופט אָביעקטיווע באַדינגונגען; די ענטפערס זיינען סוביעקטיווע און ניט קיין אַבסאָלוט זיכערע — אין דער שעה ווען מע גיט דעם ענטפער. נאָר די צייט אין אַן אומבאַשטימטער צוקונפט קען אָפּשאַצן וויפל אָביעקטיווקייט, וויפל גילטיקייט פאַר אַלעמען עס איז פאַראַן אין דעם אַן ענטפער.

נאָר אין דעם זינען און נאָר אויף אַזאַ אופן זאָל מען אויפנעמען דעם פּרואוו צו ענטפערן וואָס מע וועט דאָ ווייטער געפינען.

איז יידיש אַליין גענוג ?

ווען מע שטעלט זיך די פראַגע, צי יידיש אַליין איז גענוג צו פאַר־זיכערן אונדזער ווייטערדיקן המשך, אונדזערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן יידן און וועלן בלייבן יידן, — דאַרף מען זיך אָננעמען מיט מוט און ענטפערן קורץ און קלאָר: ניין, יידיש אַליין איז ניט גענוג. שפּראַך אַליין איז ניט גענוג. מיר קענען ניט זיין סתם שפּראַכיסטן. דאָס איז מעגלעך נאָר פאַר זייער אַ קליינער גרופּע אין פאָלק, נאָר פאַר די וואָס שאַפן אויף יידיש, וואָס לערנען אַנדערע יידיש, וואָס פאָרשן יידיש. דעם אמת געזאָגט איז עס פאַר זיי אויך ניט מעגלעך. קיין שום גרעסערער טייל פון פאָלק קען אַוודאי ניט (און טאָר אויך ניט) לעבן מיט שפּראַך אַליין. אַפילו ווען די שפּראַך איז יידיש, וואָס איז אַזוי דורכגעווייקט אין יידישקייט, וואָס איז צונויפגעפּעדעמט פון אַזוי פיל כשרע יידישקייט־פּעדעם. קיין שום שפּראַך, אַריינגערעכנט אויך לשון־קודש און יידיש, האָט ניט אין זיך גענוג כוחות אַז זי זאָל קענען אויספילן דאָס גאַנצע לעבן (סיידן ביי עטלעכע געציילטע), און אַוודאי ניט גענוג כוחות אויף צו באַוואָרענען דאָס ווייטערדיקע לעבן פון נייע דורות. דאָס שרייבט אַ מענטש וואָס לעבט מיט, פון און פאַר יידיש, וואָס באַוואונדערט הן די געזונטע פאָלקישקייט, הן די בשמהדיקע אינטימקייט, הן די דורותדיקע חכמה פון אונדזער יידיש.

פונקט ווי מע קען ניט לעבן אָן לופט, אַזוי קען יידיש אויך ניט לעבן אָן דער אַטמאָספער פון יידישקייט, אָן דער אַטמאָספער וואָס יידיש איז אין איר אויסגעוואַקסן און וואָס יידיש האָט זיך דערנערט מיט איר לעבן־ברענגענדיקן זויער־שטאָף. און וואָס איז יידישקייט ? אַלצדינג מיט וואָס מיר זיינען אַנדערש פון די אַרומיקע. יידיש אַליין איז אַ גרויס־גרויסער חלק פון יידישקייט. יידיש אַליין איז אַ לעבנס־אָרגאַן, אָבער אַזאַ וואָס פונק־ציאָנירט ניט אָן דער הילף פון אָרגאַנען אין אַ לעבעדיקן גוף.

צו באַוואָרענען דעם המשך פון די וואָס ווילן בלייבן לעבן ווי יידן, ווען מע צווינגט זיי ניט דערצו, זיינען נייטיק אַ יידישער אופן לעבן, ד״ה אַ יידישער שטייגער, אַ יידישער אופן פילן און אַ יידישער אופן טראַכטן. דאָס איז אַ סך גרינגער אַרויסצוברענגען ווי צו אַנטוויקלען וואָס עס שטעקט אין דער דערמאָנטער פאָרמולירונג. ס'איז אָבער גרינג איינצוזען אַז פאַר אַ פריי־טראַכטנדיקן, וועלטלעכן ייד זיינען נייטיק אַלע דערמאָנטע קאָמפּאָ־נענטן פון זיין אַ ייד.

אַ יידישע היים

דאָס געהערן צו וואָסער דאָס זאָל ניט זיין יידישער אָרגאַניזאַציע, סיי וועלטלעכער, סיי רעליגיעזער, איז אַ טייל פון יידישן אופן לעבן, אָבער נאָר

אַ גאַנץ באַשיידענער טייל. אַפילו ווען מען איז אַ פּאַרקאַכטער טוער אין אַ פאַראיין פון יידן, איז עס אין בעסטן פאַל אַן אויסלעבן זיך נאָר פאַר זיך, אָבער דאָס טראָגט זיך ניט איבער אויף די קינדער. אין־לשער וויכטיקער איז אַ יידישע היים, אַ היים וואָס מע קען טאַקע זאָגן אויף איר אַז זי איז אַ יידישע. עס איז זייער גוט ווען אין דער דאָזיקער היים זיינען דאָ יידישע ביכער און עס קומען אַהין אַריין יידישע צייטונגען, אָבער די ביטערע דער־פאַרונג לערנט אונדז אויס אַז דאָס איז ניט גענוג, אַניט וואָלט מען דאָך ניט פאַרלאָרן אַזוי פיל יוגנט אויך פון אַזעלכע היימען. אַ יידישע היים מוז ווערן אָנגעפילט מיט יידישע פּירונגען. נאָר דעמאָלט ווערט זי דער נעסט וואָס אין איר קען זיך אויסהאָדעווען אַ יידישער דור. אַ יידישע היים איז באמת אַ גוואַלדיקער דערציערישער כוח. די סאַמע צעשטערערישע פאָרעם פון אַסימילאַציע איז די היים, וואָס פון איר האָט מען אַרויסגעטריבן יעדער ברעקל פון יידישן שטייגער.

מיר האָבן געלאַכט און מיר לאַכן נאָך איצט פון דער משכילישער פאָרמול. „אַ מענטש אין גאַס און אַ ייד אין דער היים". אַוודאי קען מען מענטש און ייד ניט אָפּרייסן, און זיכער איז געווען גערעכט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי מיט זיין „וואָס מער מענטש אַלץ מער ייד, וואָס מער ייד אַלץ מער מענטש". און דאָך, טראַכט זיך, הלוואי וואָלטן מיר אַלע זיין יידן אין דער היים...

עס קען ניט זיין אַ יידישע היים אָן דעם יידישן יום־טוב, אָן אַ פּסח־דיקן סדר, אָן חנוכה־ליכטלעך, אָן אַלע אַנדערע פריידן און שיינקייטן און דערהויבנקייטן פון אונדזערע יום־טובדיקע טעג. אַ וואונדער־כוח פון דער יידישער אמונה אין באַשטאַנען אין אַריינברענגען אַזוי פיל צערמאָניאַל אויך אין דער יידישער היים. אָן שום צערמאָניאַל ווערט אַ יידישע היים פּוסט און וויסט, ווערט געגליכן צו אַ נעסט וואָס ווינטן האָבן אָוועקגעריסן פון איר אַלע וואַרעמנדיקע פעדערן.

עס איז ניט גענוג צו וואַרטן אויף אַלע לוחדיקע יום־טובים, אַפילו ווען עס זיינען דאָ אין דער היים פאַרמען און איבערפּורעמונגען פון דעם וואָס די טראַדיציע האָט איינגעשטעלט, איינגעשלאָסן די דערהייבנדיקע און לייטערנ־דיקע ימים נוראים, וואָס טייל וועלטלעכע שרעקן זיך פאַר זיי ווי דער שד פאַר ווייערך. אַ יידישע היים קען אויך ניט דורכלאָזן דעם שבת, וואָס זיין הויפּט־מעלה איז די אַז ער קומט יעדע וואָך. און אויב די „אומשטאַנדן" ברענגען דערצו אַז פון טראַדיציאָנעלן שטאַנדפּונקט ווערט דער שבת דורכגעלעכערט דורך אַזוי פיל חילולים, איז דאָך פאַרט מעגלעך אָפּצוראַ־טעווען פאַר דער היים דעם פּרייטיק־צונאַכט, מיט ספּעציעלע מאכלים, מיט ליכט און מיט וויין, מיט בלומען און מיט געזאַנג, הכלל מיט יום־טובדיקייט און מיט וואַרעמער משפּחהדיקייט.

יידישער שטייגער אין דער היים געפינט זיין אויסדרוק ניט בלויז אין דעם שווין־דערמאָנטן. וואו וואָלט געשטעקט אומגליק אָדער פאַנאַטישקייט, אויב אין דער היים פון אונדזערע וועלטלעכע יידן וואָלט קיינמאָל ניט

אַריינגעקומען קיין בשר־קוויטש, און מע וואָלט קיינמאָל קינדער ניט געגעבן קיין געפּרעגלטע חזיר־גריוון, אָדער אויב מע וואָלט אויסגעקומען אַלע טעג פון פּסח אָן חמץ?

אַ נייער שולחן־ערוך

איך האַלט אַז עס איז צו פּרעטענציעז און צו גאַוווהדיק פאַר אַ יחיד אָדער פאַר עפּעס אַ קאָמיסיע זיך אָוועקצוזעצן און אויסאַרבעטן אַ שלחן־ערוך פאַר וועלטלעכע... הגם אַזאַ שלחן־ערוך וואָלט געדאַרפט זיין. דאָס לעבן דאַרף עס ביסלעכווייז איינשטעלן. דאָס דאַרף זיין אַ רעזולטאַט פון פּרוואוון, פון עקספּערימענטירן און פון פאַרמעסטונגען און דורכפאַלן. דער ערשטער תנאי איז אָבער אַז מע דאַרף פאַר דעם זיך ניט שרעקן, אַז מע דאַרף דאָס אויפנעמען ווי אַן אויסרוף פון אונדזער צייט און פון די אומשטענדן אין וועלכע מיר לעבן — דאָס אַריינברענגען וואָס מער פון שטייגער אין אונ־דזערע היימען. מיר האָבן אויף וואָס זיך צו באַזירן, מיר האָבן פון וואָס אויסצוקלייבן. מיר זיינען דערביי גענוג פריי, ווייל מיר שטיצן זיך ניט אויף איבערנאַטירלעכס נאָר אויף נאַטירלעכס, אויף אונדזער אייגענעם ווילן, אויף מענטשלעכע באַדערפענישן, ניט אויף איבערמענטשלעכע באַפעלן.

יידישע קינדער וואַקסן געוויינלעך אַרויס פון אַ יידישער היים. יידישע קינדער מוזן ווערן דורכגעוואָרעמט אין יידישקייט און דיסציפּלינירט דורך יידישע פירונגען. דאָס אונטערוואַקסנדיקע קינד דאַרף קלאָר און בולט זען פאַר זיך אַ יידישן אופן לעבן. פאַרשטייט זיך אַז אין דעם גייט אַריין דאָס צוגעוואוינען צו צדקה, צו אָפּגעהיטע באַציאונגען בין אָדם לחברו, צו טאָג־טעגלעכע מעשים טובים. פונקט ווי דעם קינדס אויער דאַרף אַריינזאַפּן דעם יידישן ניגון און די יידישע מעשיות, פונקט ווי זיין אויג דאַרף זען פאַר זיך טראַדיציאָנעלע יידישע חפצים און יידישע בילדער, אַזוי דאַרף דאָס קינד האָבן פאַר זיך פון דעם לעבן אין דער היים מוסטערן פון אָרענטלעכקייט און גוטסקייט, וואָס אין זייער אַלמענטשלעכקייט האָבן זיי דאָך אַ יידישע באַפאַרבונג. אַ יידישע היים איז ניט בלויז אַזאַ וואָס האָט טויטע יידישע חפצים, נאָר אַזאַ וואו עס צייטיקן זיך אַרויס און עס ווייזן זיך אַרויס פאַרן קינד לעבעדיקע שיינע מעשים, טוואונגען, האַנדלונגען, וואָס זיינען אין תוך אַ המשך פון געלייטערטער טראַדיציע.

די גאַס איז דאָך ניט קיין יידישע. דאַרף כאָטש די היים זיין אַ יידישע. מע קען דאָ ניט אַרויפלייגן די אחריות פאַרן שטייגער אויף דער שול. וויפל אַפילו די בעסטע שול זאָל זיך ניט באַמיען, איז זי ניט מער ווי אַ סוראָגאַט פון דער היים. אַוודאי דאַרף אין דער יידישער שול זיין דער יידישע יום־טוב, אָבער נאָך וויכטיקער איז אַז אָט דער יום־טוב זאָל זיין אין דער היים. עס איז אַוודאי גוט דער עונג־שבת אין דער שול, אָבער נאָך דערציערישער ווירקט דער פּרייטיק־צונאַכט אין דער היים. אין דער שול איז דאָך קיינמאָל

ניטאָ די פולע גאַמע פון צווישנמענטשלעכע באַציאונגען ווי אין דער היים. דאָס קינד לערנט זיך אויס לעבן אין דער היים.

און אויך לעבן ווי אַ ייד לערנט זיך דאָס קינד אויס אין דער היים. אויב די יידישע היים איז ניט אַנדערש ווי די ניט־יידישע היים פון די אַרומיקע שכנים, איז דאָ ווייניק האָפענונג אַז פון איר וועלן אַרויסקומען יידישע מענטשן, ווען מע לעבט אין באַדינגונגען פון פרייע דעמאָקראַטישע לענדער. און עס טויג דאָך ניט אויב פיינדלעכע גזירות און בכלל דער ניט־יידישער אַרום זאָלן אונדז צווינגען צו בלייבן יידן. בלייבט דאָך איבער נאָר דער וועג פון אַזאַ אַנדערשקייט וואָס מע נעמט פרייוויליק אויף זיך. בלייבן יידן הייסט בלייבן אַנדערש ווי די אַרומיקע ניט־יידן. און לעבן אַנדערש הייסט לעבן מיט אַן אַנדערשדיקן שטייגער, מיט אַנדערשדיקע פאָרמען פון לעבן. אָט דעם אַנדערשדיקן שטייגער קענען מיר ניט סתם אויסטראַכטן פון דאָס ניי מיט נייע יום־טובים אַן שום וואָרצלען אָדער מיט אַ מיטוואָך־אָוונט אָנ־שטאָט אַ פרייטיק־צונאַכט אאַז״וו. דער יידישער אופן לעבן אויך פאַר וועלטלעכע מוז אַרויסקוואַלן פון יידישן שטייגער. דער וועלטלעכער איז אָבער פריי אויסצוקלייבן, אָפּצוקלייבן און אַריינצוברענגען אויך פון זיין גע־מיט און פון זיין לעבנס־קוק.

פאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנצער גרויסער, אַרומנעמיקער ענין וואָס הייסט יידישער אופן לעבן איז דאָ באַרירט נאָר על רגל אחת, און קאָנקרעטע אָנווייזונגען זיינען געגעבן געוואָרן ברעקלעכוויז, שטיקלעכוויז. עס איז ניט מעגלעך ברייטער אַרומצונעמען אַזאַ צענטראַלע לעבנס־פראַגע אין אַן אַרטיקל. פאַר דעם זיינען נייטיק ביכער. אָבער ביז וואָס ווען טאָר מען ניט ווערן מיד איבערצוחזרן: מיינע פריינד, יידיש אַליין איז ניט גענוג, עס דאַרף אויך זיין אַ יידישער אופן לעבן!

אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע

פון י. ט. זוקערמאַן

איך האָב שטענדיק געפילט, אַז מ׳קען ניט זיין קיין גוטער וועלט־לעכער ייד בלויז מיט דעם וואָס מען איז ניט פרום, וועלטלעכקייט אינעם יידישן לעבן איז ניט קיין פאַרניינונג. עס איז אַ פּאָזיטיווע אָקצעפּטירונג פון יידישקייט וואָס האָט הינטער זיך טויזנטער יאָרן געשיכטע, קולטור און טראַדיציע. וועלטלעכקייט איז ניט אַנטי־רעליגיעז, כאָטש מע קען זי אָנרופן אַ־רעליגיעז. זי ציט ניט איר יניקה פון רעליגיעזע קאָנצעפּטן, דאָך וואָרצלט זי אין היסטאָרישע דערפאַרונגען, וואָס האָבן אָנגענומען רע־ליגיעזע פאָרמען.

פאַר אַ סך יידן איז דאָס פּראַקטיצירן רעליגיע דער בולטער אויסדרוק פון זייער יידישקייט, ביי אַנדערע דריקט זיך אויס זייער יידישקייט אינעם

אַרויסוויזן זאָרג פאַר יידן איבער דער וועלט, אין זייער מאָראַל און עטיק, איז זייערע סאָציאַלע התחייבותן. פאַר אַ סך פון אונדז וואָס קענען אָדער קענען ניט לייענען, שרייבן אָדער ריידן יידיש, איז נאָענט די יידישע שפּראַך, אירע קלאַנגען ווירקן אויף אונדז מיר זאָלן זיך פילן היימישער און מער אידענטיפיצירט ווי יידן.

דער גרעסטער טייל פון יידן געפינט הנאה אין די צערעמאָניאַלן, מנהגים, יום־טובים, וואָס גיבן זיי דעם באַוואוסטזיין פון זייער יידישקייט. די אַלע ריטואַלן און צערעמאָניאַלן, וואָס האָבן במשך פון יאָרן זיך אויסגעדריקט אין רעליגיעזע פאָרמען, זיינען ניט דווקא אַן אויסדרוק פון פרומקייט און ניט נאָר פאַר יידן וואָס פּראַקטיצירן רעליגיע. איך וויל ניט מיט דעם פאַרמינערן די הייליקייט פון אַ יידישן יום־טוב ביי די יידן וואָס פילן זי. עס איז אָבער ניט קיין מוז, אַז איך זאָל זי אָננעמען. איך וויל אויף מיין אייגענעם יידישן שטייגער יום־טובן פסח, חנוכה, אָדער פורים ווי יידישע יום־טובים, און ניט ווי קיין הייליקע טעג. איך וויל, אַז מיינע אַלע יידישע פריינט, וואָס אָריענטירן זיך ניט אין זייער טראַכטן אויף גאָט אָדער רעליגיע, זאָלן קענען זיין מיטבאַטייליקטע אין די פרידן און אין די זאָרגן פון דער יידישער געשיכטע, פון לאַנגע יאָרהונדערטער יידיש לעבן, אויף זייער אייגענעם וועלטלעכן שטייגער. די זעלביקע טעג. פאַרוואָס? ניט ווייל זיי זיינען וויסנ־שאַפטלעך אָדער היסטאָריש מאָטיווירט, נאָר ווייל עס האָט זיי אונדז געגעבן די יידישע געשיכטע. איך וויל פייערן דעם יום־טוב צוזאַמען מיט אַלע מיינע יידישע פריינט איבער גאָר דער וועלט אין דעם זעלביקן טאָג, אפילו ווען מיר אינטערפּרעטירן אַנדערש זייער באַדייטונג פאַר אונדזער היינטיק לעבן.

איך וויל, אַז מיינע קינדער און מיינע קינדס־קינדער זאָלן בלייבן יידן, צי זיי וועלן זיין פרום אָדער ניט, צי זיי וועלן ריידן יידיש אָדער ניט, צי זיי וועלן זיין אַקטיוו אין יידישע אָרגאַניזאַציעס, צי ניט. געוויס וויל איך זיי זאָלן געהערן און זיין אַקטיוו אין יידישן לעבן. געוויס וויל איך זיי זאָלן רעספּעקטירן און ליב האָבן די יידישע שפּראַך, און ריידן יידיש. איך וויל זיי זאָלן פירן יידישע היימען, היימען מיט יידישער מוזיק, יידישע בילדער און יידישע ביכער, ביכער אין יידיש און אין ענגליש.

אָבער ביז מיר וועלן ניט געפינען דעם ריכטיקן וועג ווי אַזוי צו יום־טוב יידישלעך, ביז מיר וועלן ניט געפינען פאַר זייערע היימען אַן אופן ווי צו דורכפירן אַ טאָג פון פרייד אָדער פון טרויער, וועלן זיי ניט זיין צוגע־גרייט צו בלייבן יידן אין אַ געזעלשאַפט פון אימפּעטיקער קולטור־אַסימי־לאַציע פון וועלכער זיי וועלן זיין אַ טייל.

פיל איך אַ וואַרעמקייט ווען אַ יידישער פריינט באַגעגנט מיך מיט אַ „גוט־שבת” אָדער „גוט־יום־טוב”? יאָ, איך פיל... כאָטש איך דאַוון ניט ווי ער אין בית־מדרש. איך וויל, אַז אויך מיינע קינדער זאָלן פילן די וואַרעמקייט.

וועגן פייערן יום־טוב אויף אַ וועלטלעכן שטייגער

פון וו. סטווירן

איך בין אין גאַנצן מסכים מיט יודל מאַרקס מיינונג, אַז שפּראַך אַליין איז ניט גענוג אויפצוהאַלטן ייִדישקייט, און אַז די היים מוז שאַפן אַן אַטמאָספער פאַר קולטיווירן ייִדישן שטייגער.

ייִדישקייט שטיצט זיך אויף אַלטע טראַדיציעס און אויך אויף נייע, וועלכע קומען ערשט אויף. איינע פון די נייסטע איז די טראַדיציע פון וועלטלעכקייט, די ייִדישקייט וואָס האָט צו טאָן מיט קולטורעלן אויסלעבן זיך און אויך מיט דער פראַגע פון מענטשלעכע באַציאונגען פון ייִד צו ייִד, פון ייִד צו ניט־ייִד, און פון מענטש צו מענטש. זי נעמט אַריין ייִדישע דערפאַרונג, קולטורעלע השפעות, מאָראַלישע וויטאַליטעט, גייסטיקע ווערטן און דעם חלום פון אַ זיכער פולסירנדיק ייִדיש לעבן אין אַ בעסערער וועלט פאַר אַלעמען. זי איז ניט אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט, נאָר לעבט אין איר מיט „מעשים טובים״. זי גיט דעם ניט־ייִדן צו וויסן, אַז דער ייִד איז ניט אַ צופאַל אין דער געשיכטע, נאָר ער שאַפט די געשיכטע גלייך מיט אַלע אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער.

די וועלטלעכע טראַדיציע ביי ייִדן איז גאָר אַנדערש פון דער רעליגיעזער. מיטן גאַנצן דרך־ארץ, וואָס זי האָט פאַר דער רעליגיעזער טראַדיציע, מוז זי ניט אָננעמען אירע פאָרמען און איר שטייגער. זי דאַרף עס ניט טאָן. זי דאַרף אַריינעמען נאָר דאָס וויכטיקע און דאַרף זיין ביכולת אויך אַליין צו שאַפן נייע פאָרמען וואָס זאָלן אויסדריקן אירע אייגענע ייִדישע אימפּולסן און געפילן.

עס איז ניטאָ קיין סיבה אַנצונעמען די סימבאָלן און פּראַקטיצירונגען פון דער רעליגיעזער טראַדיציע בלויז צוליב דעם, וואָס די וועלטלעכע האָט נאָך ניט אַזעלכע. וועלטלעכקייט העלפט ניט אירע אָנהענגער ווען זי הייסט זי נאָכגיין אַן אַנדער שטייגער פון ייִדיש לעבן. זי מאַכט פאַר זיי קלאָר מיט וואָס זי איז אַנדערש, זיי זאָלן וויסן, וואו עס ענדיקט זיך איין טראַדיציע און וואו עס הייבט זיך אָן די צווייטע.

עס זיינען פאַראַן יום־טובים, וואָס זיינען ניט קיין וועלטלעכע ווייל זיי זיינען שטרענג רעליגיעזע און פאַרבונדן מיט דאַוונען און מיט ריטואַלן. זיי זיינען רייך מיט הומאַניטאַרע ייִדישע אידייען אויף וויפל זיי דערציילן וועגן רעאַלע היסטאָרישע פאַקטן. פורים, חנוכה און פסח קענען געפייערט ווערן אויף אַ סעקולערן שטייגער און די וועלטלעכע ייִדן וועלן דאַרפן געפינען די ריכטיקע פאָרמען ווי זיי צו פּראַוווען זיי זאָלן ברענגען דעם ייִדישן יום־טוב און ייִדישע פריידן אין די היימען.

זיינען פֿאַראַן אַנדערע יום־טובֿים צוגעפּאַסט פֿאַר דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפֿט? מעגלעך. אָבער זיי דאַרפֿן ניט באַטראַכט ווערן, כּל־זמן מיר האָבן ניט פֿאַר זיי קיין פּאַסיקע פֿאָרעם ווי אַזוי זיי וועלטלעך צו פֿייערן.

איך וויל נאָך עפּעס זאָגן וועגן פֿראַווען אַ יידישן יום־טובֿ בלויז צוליב דעם, וואָס דאָס איז אַ טאָג, אַן אַקט, אָדער אַ סימבאָל דורך וועלכן מיר אי־דענטיפֿיצירן זיך מיטן גאַנצן יידישן פֿאָלק. דאָס קען זיין דער טאָג פֿון שבת, דאָס קען זיין אַ בר־מצווה, ווי אַן אַקט, דאָס קען זיין די תּורה — ווי אַ סימבאָל — דריי זאַכן גענומען פֿונעם יידישן לעבן. מיינען אָבער, אַז פֿאַר אַלע יידן האָבן זיי די זעלביקע באַדייטונג, און אַז אַלע יידן פֿאַרשטייען זיי אויפֿן זעלביקן אופֿן, וואָלט געהייסן נעמען אַלע שיך אויף איין קאָפּיטע. די נאַטור פֿונעם יידישן פֿאָלק איז אַ דינאַמישע. די געשיכטע שטייט ניט אויף איין אָרט.

מיר גייען שבת ניט דאַווענען און מיר האָבן דעם טאָג ניט וואָס צו טאָן, אָבער ביז מיר וועלן ניט וויסן וואָס צו טאָן, דאַרפֿן מיר לאָזן דעם שבת צו די יידן, וועלכע האַלטן אים הייליק. די וועלטלעכע היימען וואָס באַמיען זיך דעם שבת אַ ביסל יאָ אָפּצוהיטן גייען אויפֿן וועג פֿון קאָנפֿאָרמירן — ביז איצט האָבן מיר ניט קיין וועלטלעכן נוסח פֿון שבת האַלטן. דאָך וויל איך, אַז די קינדער פֿון וועלטלעכע היימען זאָלן וויסן וואָס שבת מיינט פֿאַר פֿרומע יידן און אויך פֿאַרוואָס דער שבת איז אין זייערע היימען אַנדערש.

עס זיינען פֿאַראַן יום־טובֿים און פֿייערונגען ביי יידן, וואָס זיינען אויפֿ־געקומען די לעצטע צייטן און זיי זיינען פֿול מיט וועלטלעכן אינהאַלט. זיי דאַרפֿן אויף אַ שיינעם אופֿן געפּראַוועט ווערן אין יידישע הייזער: דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, דער דריטער חורבן, יום־העצמאות, די געבוירנטעג פֿון אַ מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, אייב קאַהאַן, הירש לע־קערט אָדער געשעענישן אין דער יידישער געשיכטע, וואָס טאָרן ניט פֿאַר־געסן ווערן, ווי דער דרייפֿוס־פּראָצעס, מענדל בייליס־בלבול, אָדער דאָס אָנקומען פֿון די יידן קיין צפֿון־אַמעריקע, און נאָך אַנדערע.

וועלטלעכע יידן דאַרפֿן זאָרגן דערפֿאַר, אַז יידישע שולן און יידישע אינסטיטוציעס זאָלן אָפּהיטן און דורכפֿירן אָט די אַלע פֿייערונגען. זיי דאַרפֿן אויך אויסנוצן אַלע אַנדערע מעגלעכקייטן אַז די יידישע היימען זאָלן פֿירן אַן אינטערעסאַנט און רייך יידיש לעבן.

אָבער ביז די וועלטלעכע טראַדיציע וועט געפֿינען די ריכטיקע סימבאָלן, פֿאָרמען פֿון פֿייערונגען, וואָס זאָלן באמת אויסדרוקן אירע צילן און אידייען, האָט ניט קיין זין פֿאַר איר צו גיין אויף צוריק, צוליב נאָסטאַלגיע, אָדער ווייל עס איז ניטאָ עפּעס אַנדערש, לאָמיר אַליין אויספּילן די בלויז מיט אייגענער שעפֿערישקייט, ווי מיר אַליין פֿאַרשטייען דאָס און ממשיך זיין די יידישקייט וואָס איז אונדז טייער.

לאָמיר טאַקע זוכן

פון מ. וולאַדקאָווסקי

עס איז גוט וואָס אין דעצעמבער־נומער „קולטור און דערציאונג״ איז אויפגעהייבן געוואָרן אַ פראַגע, וואָס דאַרף עפּנטלעך דורכגעלופּטערט ווערן. די פּראָבלעם פון שאַפן פאָרמען פון יידישן אויסלעבן זיך פאַר וועלטלעכע יידן איז שוין אַ סך מאָל אַרומגערעדט געוואָרן בעל־פּה ביי פאַרזאַמלונגען און קאָנפערענצן.

לעצטנס מערקט זיך אַן אומרואיקייט אין אַלע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט (אַחוץ אפשר ביי דער עקסטרעמער אָרטאָדאָקסיע) וועגן דעם ווייטערדיקן קיום פון יידן און יידישקייט אין אַמעריקע. מען איז אומרואיק צוליב דער געפאַר פון אַסימילאַציע, פון געמישטע חתונות און בכלל צוליב דעם פעלן פון יידישן וויסן, טראַדיציע און יידישן לעבנסשטייגער ביי די נייע יידישע דורות.

דאָס נעמלעכע קען געזאָגט ווערן וועגן די מער באַוואוסטזיניקע, אונדזערע ייגגערע חברים, די וועלטלעכע יידן און פריינד, געוועזענע תלמידים פון די וועלטלעכע יידישע שולן. מען וויל, אַז די קינדער זאָלן בלייבן יידן, בלייבן אין דער יידישער סביבה, זוכט מען קודם אַן אינהאַלט און אָנהאַלט אין יידיש.

די ראָלע פון יידיש

יידיש איז בלי ספק אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער אויפהאַלטונג פון יידישן לעבן. יידיש איז ווייט ניט סתם אַ שפּראַך ביי יידן. יידיש האָט געצויגן יניקה פון תנ״ך און נאָך תנ״כישער ליטעראַטור, ווי גרינג און „נאַטירלעך״ עס האָט זיך אין יידיש געלערנט די לשון־קודשדיקע משנה און די אַראַמייאישע גמרא. איז דען דאָ אַ שפּראַך וואָס זאָל אַזוי האַרציק אויסדריקן יידישע פרייד און יידישן טרויער ווי יידיש? אין וועלכער שפּראַך האָט דער ייד געקענט אַזוי אינטים זיך אויסטענהן מיטן רבונו של עולם ווי אין יידיש?

דאָך בין איך אויך מיט דער דעה, אַז יידיש אַליין וועט ניט זיין גענוג צו פאַרזיכערן דעם יידישן קיום. יעדער בר־דעת ווייסט, אַז מיר ווערן באַווירקט פון דער אַלגעמיינער סביבה, פון דער קולטור פון לאַנד, מיר וועלן ניט און ווילן ניט מער לעבן אין אַ געטאָ. אַוועק אויף שטענדיק איז דאָס שטעטל מיט דעם אייגנאַרטיקן אויטאָנאָמען יידישן לעבן. מוזן מיר דעריבער — און דאָס איז ממש דאָס געבאָט פון דער שעה — זען שאַפן אַ צערעמאָניאַל, אַ פאָרעם פאַר גייסטיקע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, סיי פאַרן אינטימען משפחה־לעבן און סיי פאַרן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָן אַ יידישן לעבנסשטייגער וועט ניט זיין פאַר די קומענדיקע דורות קיין יסוד אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן.

טראַדיציע און רעליגיע

דער צערעמאָניאַל דאַרף וואַרצלען אין דער יידישער טראַדיציע. מיט דעם וועט אונטערגעשטראָכן ווערן די יידישע אַנדערשקייט. און לאָמיר זיך ניט שרעקן טאָמער וועט עפּעס דערמאָנען אין רעליגיעזע פּייערונגען. עס איז בכלל שווער ביי יידן — און אפשר אוממעגלעך — צו ציען אַ קלאָרע ליניע צווישן טראַדיציע און רעליגיעזע פאָרמען. אין אַמעריקע זיינען סיי־ווי מטושטש די באַגריפן רעליגיע און טראַדיציע.

מיר האָבן אַלע געהאַט טעאָריעס וועגן די פּראָבלעמען. דוכט מיר, אַז אַלע טעאָריעס האָבן זיך געפּאַסט פאַר אַ אַנדער צייט און אָרט. אין פּוילן, למשל, האָבן די וועלטלעכע — ווי די רעליגיעזע — געלעבט אַ יידיש לעבן. די היים, די סביבה איז געווען יידיש־אָרגאַניזירט. די קינדער און יוגנט־לעכע, אַפילו פון די ציִשאַ־שולן, זיינען דורך די יידישע פּאַרטייען און אַנ־דערע אָרגאַניזאַציעס אַריינגעצויגן געוואָרן אין יידישן לעבן. מען האָט גע־לייענט די יידישע פּרעסע, יידישע ביכער. מען האָט ניט געדאַרפט שאַפן צערעמאָניאַלן. נאָך עפּעס: דער שטענדיקער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם און אַנטיסעמיטן האָט אויך געגערט דעם יידישן באַוואוסטזיין.

גאַנץ אַנדערש איז דאָס יידישע לעבן דאָ אין אַמעריקע, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגלייכן מיט קיין איין צייט, לאַנד און עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע, אַזוי צונויפגעגלידערט איז דער ייד דאָ מיטן אַלגעמיינעם לעבן ווי נאָך קיינמאָל ניט. ווען אַנדערע רעדן וועגן אַ „גלות אַמעריקע”, איז דאָס בלויז אַ פראַזע. דער ייד פילט, אַז אַמעריקע איז זיין לאַנד און האָט ליב דאָס לאַנד, עס איז ניט דער קאַזיאָנער פּאַטריאָטיזם, עס איז עכט, פּונקט אַזוי ווי ביי אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג. ניטאָ קיין אַנטיסעמיטיזם, ווי ער האָט זיך מאַניפעסטירט אין אייראָפּע, חוץ ביי די פּראָפעסיאָנעלע זוכערס, וואָס גייען אַרום מיט ליכט און זוכן אַנטיסע־מיטיזם. אַמעריקע גלייכט אויס אַלעמען, ניט נאָר אויסערלעך, נאָר אויך אין אופן פון טראַכטן און פילן. דעריבער איז „אַסימילאַציע” אויך דאָ אַנדערש, אפשר געפערלעכער ווי אַמאָל. צוליב אַ געמישטער חתונה אין אַ פאַמיליע רייסט מען ניט קיין קברים. עס הייבט אָן ווערן אַ געוויינט־לעכע זאַך. מע באַמיט זיך, אַז די נעמען זאָלן קלינגען ווי ביי די גויים. די היימען, די הלבשה, די מאכלים זיינען ענלעך ביי יידן און ניט יידן. אויב מען האַלט זיך אָן אין אַ פּאָר יידישע מנהגים, ווערט דאָס שוואַכער ביי די קינדער.

דער ענין רעליגיע איז דאָ אויך אַנדערש. יידן וואָס שמעקן אַריין איין מאָל אַ יאָר אין שול, און גאַנץ יאָר זיינען זיי מחלל שבת, זיינען דען רעליגיעז? איז כשרות דער סימן? חבר מאַרק פרעגט: „וואו וואָלט געשטעקט אומגליק אָדער פאַנאַטישקייט, אויב אין דער היים פון אונדזערע וועלטלעכע יידן וואָלט קיינמאָל ניט אַריינגעקומען קיין בשר־קוויטש...?”

איך בין שטאַרק אין ספק צי בשר־קוויטש גייט אויפן חשבון פון די וועלטלעכע און כשרות אויפן קרעדיט פון די רעליגיעזע. דער כשרער פלייש־מאַרק האַלט אין איין איינשרומפּן. עס ווערן אַלץ ווייניקער די בשר־כשר יאַטקעס און ייִדישע שלאַכט־הייזער. אין ניו יאָרק זיינען דאָ געגנטן פון הונדערטער ייִדישע משפּחות אָן איין כשרער יאַטקע.

איך גיי ניט אַריין אין עצם ענין צי עס איז גוט אַזוי אָדער ניט. איך וויל נאָר מיט דעם אונטערשטרייכן, אַז דער באַגריף רעליגיע און רע־ליגיעזער שטייגער־לעבן איז היינט אַנדערש ווי אַמאָל. עס ווערט אויך פאַרשפּרייט דער איינפיר, אַז די היים איז אַ כשרע, אָבער אויסער דער היים איז מען זיך מתיר צו עסן טרפות. דעריבער קענען אַ סך גיין אין שול (אָדער שטיין לעבן דער שול) אין די ימים־נוראים און גאַנץ פיין מחלל שבת זיין אָדער עסן בשר־קוויטש.

דער אמת איז, אַז מיט אַ ־30—40 יאָר צוריק וואָלט איך אַזוי ניט געשריבן. די ייִדישע אימיגראַנטישע מאַסע האָט געלעבט ייִדישלעך, אונדזערע שולן זיינען געווען ייִדישער. פריטיק־צו־נאַכטס פלעגן אין די שולן פאַרקומען לעקציעס, אָפן־פאָרומס, נאָכדעם האָט מען סערווירט טיי מיט קיכלעך, אויף די טישן זיינען אויך געשטאַנען טעצלעך מיטן טראַ־דיציאָנעלן נאַהיט, די דיסקוסיע איז געווייינטלעך פאַרגעזעצט געוואָרן ביי די טישן. יאָ מען האָט אַפילו ניט געטראַכט אַז מען דאַרף עס רופן „עונג שבת״. ברענטשעס פון אַ.־ר. האָבן אָפּגעהאַלטן די מיטינגען פריטיק־צונאַכטס, אַ טייל מיט קולטורעלע פּראָגראַמען. די הימען זיינען געווען ייִדיש צי מיט אַ מנורה אָדער אָן אַ מנורה. איך ווייס פון הימען וואו עס איז געווען איינגעפירט, אַז איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך האָט די בני־בית געגעסן צוזאַמען און מע פלעגט פאַרלייענען שלום עליכמען אָדער פּרצן.

זיינען טאַקע די שולן אויך געווען ייִדישער. עס האָבן אפשר געפעלט די אויסערלעכע סימנים וואָס מען זעט היינט, אָבער די קינדער זיינען מער באַווירקט געוואָרן. די קינדער האָבן זיך אַלע מאָל אָפּגערופן האַרציקער אויף ייִדישע געשעענישן. זיי האָבן ענטוזיאַסטישער געגעבן און געזאַמלט געלט פאַר אַ ייִדישן צוועק (פונקט אַזוי האָבן זיי געזאַמלט געלט פאַר די שפּאַנישע לאָיאַליסטן אָדער פאַר די קוילנגרעבער אין קענטאַקי). ווי צעבראָכן ווערט היינט דאָס האַרץ ווען מע הערט פון קינדער: וויפל איז דער שיעור צו דערמאָנען די 6 מיליאָן? עס איז געווען אַ מלחמה און אַלע האָבן געליטן.

מיר דאַרפן שאַפן אַ פאַנצער פאַר אונדזערע קינדער, אייניקלעך, פאַר די קומענדיקע דורות, אַ צערעמאָניאַל לויט דער ייִדישער טראַדיציע. די סקעפּטיקער אָדער קעגנער לעבן נאָך אַלץ פּסיכאָלאָגיש אין פּוילן. שוין צייט, כ׳לעבן, זיי זאָלן זיך אַרומקוקן און זען וואָס עס טוט זיך אַרום זיי.

לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה

צום באַדויערן קען איך נישט קאָנקרעט אָנווייזן וואָס מע דאַרף טאָן. לאָמיר זוכן, דיסקוטירן, וועלן מיר זיך מיט דער צייט צו עפּעס דערטראַכטן. עס וועט זיך אויך פאָדערן די מיטאַרבעט פון מומחים אויף פאַרשיידענע געביטן. עס דאַרף אונדז אָבער זיין קלאָר, אַז עס איז דאָ אַ פאַרלאַנג ביי וועלטלעכע יידן אומעטום (אַפילו אין מדינת ישראל) צו האָבן פייערלעכ־קייט, צערעמאָניאַל אין דער משפחה אָדער אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דער פרייטיק־צו־נאַכטיקער מאָלצייט דאַרף זיין גאָר יום־טובדיק. דאַרף איך ניט איבערחזרן וואָס חבר מאַרק האָט וועגן דעם שוין געזאָגט. איך וויל נאָר צוגעבן, אַז איך האָב געזען אין ניט־רעליגיעזע היימען אָנהייבן מיטן מאַכן קידוש. (אַגב, מען הייבט אָן ביי אונדז דעם דריטן סדר מיטן שפּילן דעם ניגון פון קידוש). חבר מלאָטעק פרעגט: „ווי אַזוי — פרעגן זיך פיל — זאָל אויסזען אַ שבת אין אונדזער היים, וואו מען איז „מחלל שבת" אויף שריט און טריט?" איז ווידער דאָס אייגענע: דאָס וואָס עס קוקט אונדז אויס סתירהדיק איז היינט נאַטירלעך. איך האָב אַמאָל געהערט אַן אָרטאָדאָקסישן רב זיך באַקלאָגן וואָס מען איז מקבר פרומע יידן לעבן זינדיקע. די אָרטאָדאָקסיע זעט ניט, אַז דאָס פאָלק (זיכער אַ מער־הייט) קען ניט היינט־צו־טאָג אָפּהיטן פרומקייט ווי די פריערדיקע דורות האָבן דאָס געטאָן. פונקט אַזוי זעען ניט דיווירקלעכקייט אונדזערע פריינד. חבר מלאָטעק פרעגט ווייטער: „ווי אַזוי שאַפט מען יום־טובדיקייט אין אַ יום־טוב אין וועלכן מען גלייבט ניט?" (וועגן די ימים נוראים) מען גלייבט ניט אין וואָס? דער יום־טוב איז דאָך דאָ! איז זאָלן מיר יום־טובן אויף אונדזער שטייגער. אָבער זיך פאַרשטעקן אין שטוב און זיך דאַרפן פאַרענטפערן פאַר קינדער, ווי מיר האָבן ניט לאַנג צוריק געהערט פון אַ ליבן פריינד אונדזערן, איז אַוודאי ניט קיין לייזונג.

לאָמיר נעמען די בר־מצווה. די צאָל עלטערן וואָס פּראַווען ניט קיין רעליגיעזע בר־מצווה ווערט קלענער און קלענער. די בר־מצווה איז אַ טייל פון זייער ביסל יידישקייט. אַליין איז מען ניט רעליגיעז, אָבער די בר־מצווה איז פאַר זיי אַ נאַטירלעכע זאַך, עס פאַלט זיי גאָרניט איין צו זוכן תירוצים, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט די פריערדיקע ראַדיקאַלן. איז פאַרוואָס ניט אָנערקענען, אַז בר־מצווה איז אַ טייל פון די לימודים? מען גרייט דאָך צו סיי־ווי אין אונדזערע שולן יינגלעך צו בר־מצווה, דאַרף מען אין צוגאָב אויסאַרבעטן אַ מאָדערנעם צערעמאָניאַל.

דאָס אייגענע וועגן חתונות. מיר וועלן ניט ענדערן די חופּה־צערע־מאָניע, אָבער מיר וואָלטן געדאַרפט האָבן אַן איינגעשטעלטן נוסח: מוזיק, לידער, אַז זיי זאָלן זיין יידישלעך. אַז דער אופן פאַרברענגען נאָך דער חופּה זאָל טראָגן אַ יידיש־קולטורעלן כאַראַקטער.

עס האָט זיך איינגעגעבן איינצושטעלן אַ נוסח ביים פּראַווען דעם

דריטן סדר. דאַרף מען אויך האָבן אַ יידיש־טראַדיציאָנעלע און מאָדערנע הגדה וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט פאַר דער היים.

צום גרינגסטן, דוכט מיר, וואָלט געקענט געשאַפן ווערן אַן איינהייט־לעכער צערעמאָניאַל ביי לוויות. איז עס אָבער ניט אַזוי. פאַראַן ביי אונדז לוויות וואָס זיינען כמעט גאָרניט יידישלעך. מען האָט מורא פאַרן „מלא". מען ציטערט צי איז מען ניט עובר אויף אַ פּרינציפּ. אָסור צי איך ווייס וואָסער אומגליק עס וואָלט געווען, ווען עס איז דאָ אַן איינהייטלעכער טראַדיציאָנעל־וועלטלעכער צערעמאָניאַל, איינשליסנדיק דעם „מלא".

אין ס״ה: עס דאַרף זיין אַ פּראָגראַם פון מצוות־עשהס, וואָס צו טאָן, כדי צו באַרייכערן אונדזער לעבן, כדי איבערלאָזן אַ רושם אויף די קינדער, לאָמיר ניט אַרויסשטעלן די אַלטע טענה, אַז אונדזערע קינדער לערנען בלויז וועגן יידישע מנהגים און שטייגער לעבן. עס האָט ניט קיין גרויסע פּעולה. איז טאַקע פּאַסיק צו פאַרענדיקן מיט תלמודישן זאָג: לא המדרש הוא העיקר אלא המעשה, ניט דאָס לערנען איז דער עיקר, נאָר דאָס טאָן.

דער צווייטער דור וועלטלעכע יידן

פון מ. אַליצקי

ווען מיין באָבע פלעגט הערן ריידן וועגן קריגן עפּעס וואָס עס איז שווער צו קריגן, פלעגט זי זאָגן: „דאָס געפינט מען ניט אין גאַס". עס האָט געהייסן: איר וועט נאָך אַ סך האָרעווען ביז איר וועט דאָס האָבן. אָדער גאָר: שלאָגט זיך דאָס, קינדערלעך, אַרויס פון קאָפּ.

אַ לעבנסשטייגער געפינט מען ניט אין גאַס. הונדערטער יאָרן דויערט ביז ער פורעמט זיך אויס. אונדזער אַלטער יידישער שטייגער, יאָרנטויזנ־טער אַלט, איז געבויט אויף רעליגיע. ער איז קאָנאָניזירט דורך רבנים און דורך ספרים,ביידע האָבן געהאַט אויטאָריטעט ביים פאָלק. הינטער די רבנים איז געווען דער אויטאָריטעט פון ספרים, הינטער די ספרים — דער אויטאָריטעט פון רבנים. וועלטלעכע יידן האָבן ניט קיין אויטאָריטעטן. זיי קענען דאָס ניט האָבן. מיר זיינען צו פריי, צו קריטיש, צו דעמאָקראַטיש, צו פאַרשיידנאַרטיק. זאָל עמיצער זאָגן: אַז דער און דער איז ביי אים אַן אויטאָריטעט, וועט באַלד אַן אַנדערער מיט אים ניט מסכים זיין. פון זיין קוקווינקל. און אַלע וועלן אים אָפּגעבן גערעכט: ער מעג טראַכטן אַנדערש. וועלטלעכע יידן אָנערקענען די גרויסקייט פון שרייבערס, וויסנשאַפטלערס, פּאָעטן, דענקערס. זיי האָבן אָבער ניט קיין מנהיגים. אַוודאי ניט אַזעלכע, וואָס זיי זאָלן נאָכטאָן אין פּריוואַטן לעבן. אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט הערט

מען, אַז „פּרץ האָט געזאָגט", „זשיטלאָווסקי האָט געשריבן". אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז מען זיך אויף זיי ניט סומך. די זאָגענישן זיינען גע־וואָרן סקאַרבאָווע. קיינער נעמט זיי ניט ערנסט. געוויס ניט וועגווייזעריש.

אַגב, וואָס מיינט פּאָרט „וועלטלעך"? אַמאָל איז עס געווען פּאַר מיר אַ מין אַדווערב פונעם סובסטאַנטיוו „וועלט". זיין ווי די גאַנצע וועלט — הייסט עס. אויף דער יידישער שול וואָס האָט מיך דערצויגן איז געהאַנגען אַ גרויסע שילד: „זיבנאָפּטיילִיקע יידיש־וועלטלעכע פאָלקסשול א. נ. פון י. ל. פּרץ". עס האָט געהייסן ביי מיר: אַ שול ווי אַלע שולן אויף דער וועלט, נאָר אין יידיש. אָט: אין חדר דערנעבן לערנט מען נאָר חומש, גמרא, ביי אונדז אין שול לערנט מען אויך וועלטלעכע לימודים: געאָגראַפיע, מאַטעמאַטיק, כעמיע. איז די שול וועלטלעך, היינט, אין אַמעריקע, זיינען אויך ישיבות וועלטלעך — מע לערנט אויך דאָרטן אַלצדינג. אויך שפּילן בייסבאָל. זיינען אויך ישיבות „וועלטלעך"? וויפל טייטשן פונעם וואָרט האָבן מיר קאָפּוירעדיקע און אויך סתירותדיקע? וויפל פון די אַמאָליקע לערערס אונדזערע זאָגן רייד, וואָס זיי האָבן אַמאָל אָפּגעוואָרפן? זיי זאָגן דאָס היינט צוליב עלטער, צוליב נאָסטאַלגיע, צוליב דעם, וואָס זייערע אידעען ליגן אין חורבן. מיינען זיי טאָקע, אַז תלמידים פאַרגעסן, וואָס די לערערס האָבן זיי געלערנט? טייטשן זיי וועלטלעכקייט מיט חומש, כשרות מיט וועלטלעכקייט. ווייסן זיי ניט, אַז מיט וואָס דער טאָפּ זאַפּט זיך איין מיט דעם ווערט ער צעבראָכן? קען מען קיין וועלטלעכן שלחן־ערוך ניט שאַפן. קיינער וועט זיך צו אים ניט צוהערן. פון די צענדליקער אַרטיקלען וואָס מע האָט וועגן וועלטלעכקייט געשריבן קען מען אפשר מאַכן אַ גוט אינטערעסאַנט בוך. אָבער בפירוש ניט קיין שולחן־ערוך.

און דערווייל וואָס?

דערווייל לעבט מען. דער צווייטער דור וועלטלעכע יידן קומט צו די פופציקער, איז אַריין אין די פופציקער. ער קומט ניט פון חדר, ניט פון בית־המדרש. ער קומט פון וועלטלעכע יידישע אָדער העבראַאישע שולן. ער האָט שוין דערגרייכט וואָס ער קען דערגרייכן. קיינער טראַכט שוין ניט צו ווערן אַ ראָקפעלער. אָדער אַ מאַני־לייב. יעדער איינער זיצט שוין אונטער זיין פייגנבוים. בעסער אָדער ערגער. מע בויט היימען. מע דער־ציט קינדער. קיין נאָסטאַלגיע צו אַ רעליגיעז יידיש לעבן, ווי זיינע לערערס פילן, וועט קיינער פון זיי ניט פילן. אין די יונגע יאָרן איז מען געווען בפירוש קעגנעריש צו אַזאַ לעבן — אַזוי האָט זיי דאָך דער ערשטער דור דערצויגן. חדר, בית־המדרש, רעליגיעזע יום־טובים — דאָס איז שיינע געשיכטע, שיינע ליטעראַטור. אַליין וועט מען לעבן אַנדערש. ווי אַזוי?

אין הונדערטער אַזעלכע היימען פראַוועט מען אַ סדר, ציינדט מען די מנורה. יעדער טוט ווי ער פילט, וואָס ער קען. ביים סדר ליגט אויפן טישן די אַלטע הגדה און די הגדה, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער אַרבעטער־רינג. ציינדט מען די ליכטלעך חנוכה און מע זינגט רייזענס „ברוך אתה",

די קינדער העלפן מיט. עס איז יום־טוב. אויף אַזאַ אופן פּראַוועט מען אויך יום־טובים אין ישראל, אויף העברעאיש. און עס שאַפט זיך אַ שטייגער. איך האָב דערמאָנט די הגדה פון אַרבעטער־רינג. זי וועט נאָך געענדערט ווערן, פאַרבעסערט ווערן, אָבער עס איז אַ געלונגענער אָנהייב. דער אַ.־ר. וועט דאַרפן טראַכטן וועגן ביכלעך פאַר אַנדערע יום־טובים: חנוכה, שבועות, ראש השנה, יום־כפור.

ראש־השנה און יום־כיפּור וועלן געבן שוועריקייטן. זיי זיינען רעליגיעזע יום־טובים. דאַרף מען ריידן וועגן דעם אָפּן: וואָס טוט מען? זייער ריכטיק טוט י. מלאַטעק, דער בילדונגס־דירעקטאָר פון אַ.־ר., ווען ער שרייבט קלאָר וועגן די וועלטלעכע יידן:

„די חילוקי־דעות הייבן זיך אָן נאָר ווען מע נעמט ריידן וועגן די פאָרמען, ווי אַזוי — פּרעגן זיך פיל — זאָל אויסזען אַ שבת אין אונדזער היים, אַז מע איז „מחלל שבת" אויף שריט און טריט? וואָס זאָל מען טאָן אין די „ימים נוראים"? זאָלן מיר גיין צו תשליך און שלאָגן כפּרות? בלאָזן שופר און זיך שלאָגן „על־חטא"?... אַ סך וועלטלעכע יידן בלייבן זיצן ימים־נוראים אין דער היים און רירן זיך ניט אַרויס אַ גאַנצן טאָג. גיין אין גאַס שעמט מען זיך און גיין אין שול קען מען ניט — זיצט מען אין דער היים פאַרלוירענע".

יאָ, איך קען גוט די פאַרלוירנקייט. איך האָב זי געזען ביי מיינע לערערס אין דער יידישער שול, אין יידיש־וועלטלעכע היימען אין וואַרשע. זי איז דאָ אין מיין אייגענער היים — וואָס טוט מען אין די לאַנגע טעג פון יום־כיפּור און ראש־השנה? וואָס זאָלן טאָן די קינדער? און זי וועט אייביק זיין — כל־זמן עס וועלן זיין די ביידע גרופּן: רעליגיעזע און ניט־רעליגיעזע יידן. זי ווייזט, אַז די וועלטלעכע יידן זיינען סענסיטיווע, יידישע מענטשן. זיי ווילן ניט מצער זיין די וואָס גלייבן, זיי זיינען נאָך שטאַרק געבונדן מיטן יידישן שטייגער, זיי פילן אַ יידיקייט אין זיך לגבי די יידן, וואָס גייען דאַווענען. וואָלטן געווען צענטערס אין יידיש, וואָלט געווען וואו זיך צוזאַמענקומען — וואָלט אפשר געשאַפן געוואָרן אַ סדר־היום פאַר די טעג, וואָלט די יידיקייט געוואָרן מיט עפּעס אָנגעפילט. ווי עס איז, איז ניט גוט און עס וועט מוזן געענדערט ווערן. צו דעם דאַרף מען אַ סך אַ סך צייט. ניטאָ קיין וועלטלעכער רב וואָס זאָל זאָגן וואָס מע זאָל טאָן.

מיר האָבן דאָס אין דער פּאָעזיע. דערמאָנט זיך די פּאָעמע פון איזי כאַריק „מיט לייב און מיט לעבן". אַ יידישע לערערין פילט זיך איינזאַם ערב כל־נדרי:

אין גרויע הייזלעך ברענען ווייסע ליכט.
און ווייסע יידן גייען צו כל־נדרי.
און ס'האָט די לערערין דערפילט זיך אומגעריכט

אַזוי אַליין. עס יום־טובן נאָך יידן.
באַלד וועט ביי זיי דאָרט ווערן העל אין שול
און אויף דער גאַס — איז אויסגערוט און ליידיק...

(איז דאָס ניט איינע פון די לידער פאַר וועלכע דער דיכטער איזי כאַריק האָט באַצאָלט מיט זיין אייגן לייב און לעבן?)

אין שול איז יום־טוב, אָבער די וועלטלעכע יידן זיינען ניט אין שול, זיי זיינען אויף דער גאַס. און די גאַס איז ליידיק. זיינען פאַראַן צוויי אויסוועגן: אָדער אַריינגיין אין שול, אָדער מאַכן יום־טוב אין גאַס, אין הויז ביי זיך. האָט אַ זין פאַר ניט־גלויביקע צו גיין אין שול? וועלן זיי טאַקע דאַווענען און ווערן דערהויבן? זאָלן טאָן די וואָס קענען דאָס טאָן. אַנדערע וואָס ווילן בלייבן אויפריכטיק וועלן דאַרפן געפינען דעם יום־טוב אין זיך. די אויסערלעכע פאַרמען וועלן קומען מיט דער צייט. מע וועט זיי נעמען פון די טראַדיציעס וואָס זיינען שוין פאַראַן און — צוגעבן בייע. דאָס אַלץ וועט מען געפינען אין זיך. אויף דער גאַס, וואו מע זאָל עס קענען אויפהייבן, ליגט עס ניט.

ווי איך זע עס

פון א. סטאָון

חבר מלאַטעק הייבט אָן זיין אַרטיקל אין לעצטן נומער „קולטור און דערציאונג" מיט די פאָלגענדיקע ווערטער: „אַ סך ענינים און פּראָבלעמען שטייען אויף אונדזער סדר־היום. ווען מיר זאָגן „אונדזער" מיינען מיר ניט נאָר דעם אַרבעטער־רינג מיט זיינע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן און שולן, נאָר די גאַנצע יידיש־וועלטלעכע קולטור־סביבה, וואָס מיר זיינען אירער אַ טייל". ער שטעלט דאַן אַוועק פאַר אונדז אַ צאָל פּראָבלעמען: די פאַרקלענערונג פון דער צאָל תלמידים אין די יידיש־וועלטלעכע שולן; פּראָבלעמען פון יידישער דערציאונג פאַר דערוואַקסענע; נעענטערע פאַרבינדונגען מיט יידישע ישובים איבער דער וועלט און אויך די גלייכגילטיקייט פון די יונגע, יידישע דורות צו „די קאַמפן און קולטור־בויטן פון אייגענעם פאָלק".

איך גלייב, אַז עס וואָלט געווען אַ סך געזינטער פאַר אונדזערע אַר־בעטער־רינג קולטור־אָרגאַניזאַציעס ניט צו שטעלן זיך אין אַ פּאָזיציע פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער גאַנצער יידיש־וועלטלעכער קולטור־סביבה, ווייל עס איז צו אַמביציעז און וועט אונדז ברענגען מער שאָדן

ווי גוטס. פריער פאַר אַלץ איז נויטיק אַ חשבון־הנפש אין אונדזערע אייגענע רייען.

עס איז ניט קיין סוד, אַז דער אַרבעטער־רינג איז נאָר אַ קליינער טייל פון דעם סעקולערן אָדער וועלטלעכן סעקטאָר אין אַמעריקאַנער יידנטום. און איך בין טאַקע מסופק צי אונדזער איינפלוס איז טאַקע אַזוי גרויס, ווי מענטשן ווילן אונדז איינרעדן. עס איז נויטיק דערפאַר צו באַשטימען די ערשטע וויכטיקסטע פּראָבלעמען וואָס שטייען פאַר אונדז — אַרבעטער־רינג־שול־און קולטור־טוערס. שפּראַך איז געוויס וויכטיק אין קוריקולום פון אַ יידישער שול, אָבער די פראַגע פון יום־טובים איז לויט מיין מיינונג ניט אַזאַ, וואָס מיר, אַרבעטער־רינג טוערס, קענען אַליין פאַרענטפערן פאַר דעם גאַנצן וועלטלעכן סעקטאָר. מיר האָבן ניט קיין רעכט עס צו טאָן און מענטשן וועלן אונדז ניט פאָלגן.

די פראַגע פון יום־טובים מוז אויפגענומען ווערן פון דער ברייטער עפנטלעכקייט אין וועלטלעכן סעקטאָר. אונדזער אייגענע באַמיאונגען אויף דעם געביט מאַכן דעם איינדרוק, אַז מיר ווילן פאַרנעמען אַזאַ פּאָזיציע, ווי רבנים, וועלכע נעמען זיך די רעכט צו קאָנטראָלירן דעם פּריוואַטן לעבן פון זייערע מיטגלידער.

דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז צו מאַכן קלאָר, וואָס וועלטלעכע יידיש־קייט איז. נאָך דעם, ווי מיר וועלן עס טאָן און מיר וועלן האָבן אַן איינהייטלעכע פאַרשטעלונג פון דעם, וועלן מיר קענען איינפירן קלאָרע כללים פאַר אונדזערע שולן און פאַר קולטור־טעטיקייט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ דאַרף געטאָן ווערן צום ערשטן פאַר די מיטגלידער פון אַר־בעטער־רינג, פאַר זייערע משפחות און פריינט.

איך מוז ביי דער געלעגנהייט ציטירן אויסצוגן פון אַן אַרטיקל גע־שריבן פון חבר יודל מאַרק אין סעפּטעמבער־נומער פון „קולטור און דערציאונג״, וואו ער זאָגט פּראָסט און פּשוט, וואָס מיר דאַרפן טאָן:
„וויכטיקער און ערשטיקער איז אַן אידייאישע אויפקלערונג און אַ פּאַרטיי־פונג פון דעם, וואָס עס איז וועלטלעכע יידישקייט... עס ליגט אויף אונדז, די וועלטלעכע יידן, אַ שווערער חוב זיך אַליין צו דערוואַכן און זיך דער־הויבן״.

דאָס זיינען ריכטיקע רייד און אין דער איצטיקער גורלדיקער צייט פון יידישן פאָלק, נויטיקן מיר זיך אין ערנסטע צוהערערס. מיר דאַרפן זיין די ערשטע צו העלפן דעם יידן געפינען דעם וועג צו „יידישער גאַנצ־קייט״. אַט דער רוף דאַרף אימפּלעמענטירט ווערן דורך אַן אויפריכטיקן דיאַלאָג צווישן פאַראַנטוואָרטלעכע פירערס און דורכגעפירט ווערן.

מער איינהייטלעכקייט

פון י. נאַסקאָוויץ

חבר י. מאַרק איז גערעכט, אַז קיינער קען ניט אויסאַרבעטן קיין שולחן־ערוך, וואָס אַלע וועלטלעכע יידן זאָלן אויספאָלגן. דעם שולחן ערוך אַליין האָט אויך קיינער ניט אויסגעאַרבעט. דער צוזאַמענשטעלער האָט פשוט צוזאַמענגענומען אַלע דינים און מנהגים און זיי אויסגעשטעלט לויט אַ לאָגישן סדר. די פירונגען האָבן זיך אַנטוויקלט נאַטירלעך. אַזוי דאַרפן זיך אַנטוויקלען מנהגים און פירונגען ביי וועלטלעכע יידן. זאָל יעדער וועלטלעכער ייד נאָר וועלן אַריינברענגען דעם יידישן יום־טוב ביי זיך אין דער היים, וועט ער שוין געפינען דעם אופן פון פייערן יום־טובים וואָס איז צוגעפּאַסט צו אים און זיין משפּחה. ניט אַלץ וואָס דער יחיד טוט איז אַלעמאָל לאָגיש אָדער שיין. מע קען, למשל, ניט אָנווייזן ווער עס האָט געשאַפן די נייע אַמעריקאַנער יידישע מנהגים פון בר־מצווהה־שמחות וואָס זיינען אָפטמאָל גרעסער און לוקסוסדיקער ווי חתונות, אָבער זיי עקסיסטירן, און די גרויסע מערהייט פון אַמע־ריקאַנער יידנטום פּראָוועט די צערעמאָניע מיט דעם גרעסטן פּאַראַד וואָס זייער פאַרמעגן דערלויבט. צי מען האַלט פון דעם צי ניט, איז עס אַן אויסדרוק פון יידישקייט. פונקט אַזוי קען זיך מיט דער צייט אַנטוויקלען אַ גאַנצע ריי פירונגען און מנהגים ביי וועלטלעכע יידן בשייכות מיט יום־טובים און מנהגים אין דער היים. וואָס זיי זאָלן ניט זיין, אויב זיי געפעלן די מענטשן וואָס פּראָוועז זיי און זיי זיינען אַן אויסדרוק פון אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, זיינען זיי ניצלעך. עס איז ניט שייך אויסצואַרבעטן צערעמאָניעס וואָס דאָס פאָלק זאָל ניט אָננעמען אָדער וואָס זאָל ניט זיין צוגעפּאַסט צום לעבן פון פאָלק, ווי קינסטלעריש און עסטעטיש זיי זאָלן ניט זיין. דער עיקר איז, אַז עס זאָל זיין די כוונה ביי וועלטלעכע עלטערן איינצופירן און אָנצוהאַלטן אַ יידישן שטייגער ביי זיך אין דער היים.

נאָך אַ זאַך וואָס מע דאַרף אויסמיידן איז דאָס אַרויפצווינגען מנהגים און פירונגען אויף די קינדער אין אַ היים. דאָ גיי איך זיך שוין פונאַנדער מיט מאַרקן. ער שרייבט, אַז עס וואָלט געוועזן גוט וועט מע עסט פּסח נאָר מצה און מע עסט קיינמאָל ניט קיין „בשר קוויטש". שטעלט זיך אַ פראַגע: פאַרוואָס? פאַר פרומע יידן איז דאָ אַ קלאָרער ענטפער: מע טאָר ניט. עס מיינט גיהנום, ברויט אום פּסח מיינט גיהנום. ביי וועלטלעכע יידן איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי „מע טאָר ניט". מע שרעקט זיך ניט פאַר גיהנום. און אויב מע פאַרנעמט זיך מיט אַרויפצווינגען וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט בשייכות מיט מנהגים, קען שוין דער יחיד אָפּפרעגן אַלץ וואָס מע וויל אין אים איינפלאַנצן. עס איז גרינג איינצופירן פּאָזיטיווע פירונגען

וואָס דאָס קינד האָט הנאה פון זיי. עס איז אָבער שווער און שעדלעך אָפּ־צושאַפֿן פאַרגעניגן. דאָ רעדט זיך ניט בלויז וועגן „בשר־קוויטש" און ברויט אום פסח, נאָר בכלל פירונגען וואָס ווערן טאַבוס, וואָס מע דאַרף וועגן זיי כסדר זאָגן ניין. דער צוגאַנג מוז זיין אַ פּאָזיטיווער. מיר דאַרפֿן כסדר זאָגן „טו" און ניט „טו ניט".

מיר האָבן דאָ ביז איצט גערעדט וועגן דער היים, וואו מיר קענען האָבן בלויז אַן אומדירעקטע השפעה. ווי דערציערס דאַרפֿן מיר זיך קאָנ־צענטרירן אויף דער שול, ווייל דורך דער שול ברענגען מיר אַריין יידישקייט אין דער היים. עס איז ניט קיין סוד, אַז די קאָנגרעגאַציעס ציען אַריין מיטגלידער דורך דעם וואָס די עלטערן ווערן אַריינגעצויגן דורך זייערע קינדער קומען אַן אין דער שול פון דער קאָנגרעגאַציע. מיר ווייסן אויך, אַז גאַנץ אָפט צווינגען אַמעריקאַנער קינדער צו טאָן אַזעלכס וואָס וואָלט זיי, די עלטערן, אַליין ניט איינגעפֿאַלן. דערפֿאַר איז זייער וויכטיק וואָס די שול טוט כדי צו דערוועקן יידישע געפילן ביים קינד און וויפל די שול קען דורך די קינדער און דורך דירעקטן קאָנטאַקט באַווירקן די עלטערן.

וואָס איז שייך מנהגים און פירונגען האָט שוין אונדזער שול דורכ־געמאַכט אַ לאַנגן וועג. מיר פייערן כמעט אַלע יידישע יום־טובים, מיר גרייטן צו בר־מצווה און מיר לערנען וועגן פאַרשיידענע רעליגיעזע מנהגים (דורך ליטעראַטור אָדער דורך געשיכטע). דער דריטער סדר, דער עונג־שבת, די חנוכה־פייערונג זיינען אַלע משפיע דאָס קינד. מיר האָבן זיך אַ היפּש ביסל צוריקגעקערט צו דער טראַדיציע, אָבער מיר האָבן עס געטאָן ניט מיטן גאַנצן האַרצן. עס זיינען דאָ ספקות ביי אַ סך פון אונדז צי מיר זיינען ניט געגאַנגען צו ווייט אויף צוריק. געוויסע אַספּעקטן פון דעם וואָס מיר טוען אויף דער געביט באַהאַלטן מיר. מיר רעדן ניט וועגן זיי. איך מיין, אַז עס איז שוין צייט, אַז מיר זאָלן אָפן רעדן וועגן די צע־רעמאָניעס וואָס מיר פירן דורך. עס איז שוין צייט, אַז מיר זאָלן ערנסט באַטראַכטן דעם אופן פון פייערן יום־טובים כדי אַריינצוברענגען מער איינהייטלעכקייט צווישן איין שול און אַ צווייטער. מיר דאַרפֿן אַ נוסח פאַר אַ וועלטלעכער בר־מצווה וואָס אַ צאָל עלטערן פאָדערן ביי אונדז. פאַר־שטייט זיך, אַז דאָס אַלץ דאַרף דינען דעם לערער ווי אַ וועגווייזער און הילף־מאַטעריאַל און דאַרף ניט זיין קיין שטרענגער כלל וואָס אַלע מוזן פאָלגן.

עס איז אויך כדאי, אַז עלטערן זאָלן זיך באַטייליקן אין די שול יום־טובים, און אַז מע זאָל זיך באַמיען צו האָבן ספּעציעלע פייערונגען פאַר די עלטערן אַליין. גאַנץ אָפט האָבן מיר עלטערן אין אונדזערע שולן וואָס האָבן קנאַפּע יידישע ידיעות און די שול דאַרף זיי דינען ווי אַ מקור פון יידיש, וויסן און יידישן לעבנסשטייגער. עס איז דער ציל פון אונדזער שול ממשיך

צו זיין דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע און דאָס דערציען עלטערן העלפט צו דערגרייכן דעם ציל.

הכלל, עס איז קלאָר, אַז כדי צו דערציען יידן דאַרפן מיר סטימולירן די דערוואַקסענע און קינדער זיי זאָלן לעבן ווי יידן. עס איז אויך קלאָר, אַז ביים דורכפירן די פונקציע מוזן מיר אַנקומען צו דער אַלטער יידישער טראַדיציע און זי מאָדיפיצירן און צופּאַסן צו אונדזער וועלט־באַנעם. זיך פאַרלאָזן בלויז אויף יידיש אָדער זיך פאַרופן אויף אונדזער צוגאַנג פון דרייסיק אָדער פערציק יאָר צוריק איז זיכער ניט ראַטזאַם. לאָמיר בעסער באַנייען דאָס אַלטע מיט אַ ראַציאָנאַליסטישער אויסטייטשונג און האָפן אַז מיר וועלן קענען דערציען אַ דור פון באַוואוסטזיניקע און שעפערישע יידן.

יידישקייט קען זיין אָדער גאַנץ אָדער גאָרניט

פון א. גאָלאָמב

אומשעפערישקייט און אָפּהענטיקייט

עס האָט מיך באמת געפרייט צו לייענען די דיסקוסיע וועגן דעם אינהאַלט פון וועלטלעכער יידישקייט אין „קולטור און דערציאונג״ אין דעם ערשטן נומער אונטער דער נייער רעדאַקציע. עס האָט מיך געפרייט, ווייל ריין פערזענלעך מאַטער איך זיך מיט דעם פּראָבלעם אין משך פון יאָרן. זאָל מיר דערלויבט ווערן עטוואָס פערזענלעכס: כ׳בין אַ פּראַקטישער לערער געווען ביי יידן גאַנצע פינף און פופציק יאָר, אין אַ סך לענדער און ישובים, און אַלע מאָל, אומעטום, באַגלייט מיך אַ געפיל, אַז עפּעס פעלט אונדז אין דער אַרבעט. מיר דערגרייכן ניט צו דעם וואָס מיר ווילן. איך בין ניט איינער. אַ סך פון די עלטערע לערערס זיינען אַוועק פון דער אַרבעט פריער איידער זיי זיינען אַוועק פון דער וועלט: אומבאַפרידיקט געבליבן, אַנגעוואָרן די אמונה אין דער אַרבעט. און לערעריי אָן אמונה, איז מילד גערעדט — פאַלש. אַ דאָקטער וואָס היילט ניט, נאָר ער וואַרט אויף דעם געלט.

און די זעלביקע אומצופרידנקייט איז ניט בלויז ביי די וועלטלעכע לערערס. דער העברעאיזם אין דער וועלט האָט נאָך ווייניקער אויפגעטאָן. נאָך מער — ער שעדיקט מער דעם צובונד צום פאָלק ווי ער בינד כלומרשט צו צו לשון עברית: די רעליגיעזע שולן האָבן אויך ניט קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. צופרידן קענען זיין נאָר די שולן ביי די טעמפלען, ווייל זיי

ווילן לכתחילה ניט קיין יידישקייט, נאָר גוטע צאָלערס פאַר די טעמפּלען. און גאָר ווייטאָקדיק איז דער פאַקט וואָס אַפילו אין ארץ ישראל, אין דער אייגענער יידישער מדינה, אָן אַ קאָנקורענץ פון אַ מעכטיקער פרעמדער קולטור וואָס הערשט, אַפילו דאָרטן איז ביי אַ סך טיפערע געטרייערע דענקענדיקע פעדאַגאָגן פאַראַן אַ געפיל פון גרויסער אומצופרידנקייט: דאַכט זיך — איין מאָניסטישע שול, איין שפּראַך, איין קולטור, איטלעך ווינקעלע, יעדער טראָט ערד איז דורכגעווייקט מיט אידעאַלן, מיט מסירת נפש און קדושה, — און דאָך! פאַרוואָס אַזוי פיל „כנעניזם"? מאַטערט מיך די פּראָבלעם שוין ניט איין צענדליק יאָרן. פּרוביר איך אין מיינע ביכער זוכן אַן ענטפער. דוכט זיך מיר אָפט, אַז איך בין איינער, אַ מין חוני המעגל, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער וועלט... פרייט מיך שטאַרק די אָנגעהויבענע דיסקוסיע: אדרבא, אפשר בחברותא וועט מען זיך יאָ דעררייד צו עפּעס. און הלוואי ניט בלויז פון איין אידעאָלאָגישער ריכ־טונג, נאָר פון אַלע. אָבער לאָמיר זיך דערווייל באַגנוגענען. בעט איך אַ דערלויבעניש זאָגן בקיצור, וואָס איך האָב ברייטער באַהאַנדלט אין אַנדערע שריפטן. וועל איך גיין בסדר:

1. דער חדר מיט אַ צרהדיקער פעדאַגאָגיק; די ישיבה מיט גאָר אַ גוטער פעדאַגאָגיק האָבן געטויגט אין די באַדינגונגען פון אונדזער אויטאָנאָם לעבן אין שטעטל. אין אורבאַניזם האָבן זיי ביידע ניט געטויגט שוין אויך אין דער אַלטער היים.

2. אין אורבאַניזם איז נאָך ביז היינט ניט אויפגעבויט געוואָרן קיין איין פּאַסיקע סיסטעם פון יידישער דערציאונג, ווייל עס איז ניט געשאַפן גע־וואָרן קיין איין סיסטעם פון יידיש לעבן. אויך נאָך ניט אין דער מדינה.

פאַרוואָס? פון וואַנען אָט די אומשעפערישקייט און אָפּהענטיקייט? מיר זיינען אַ פאָלק מיט אַזוי פיל שעפערישקייט! מיט אַזוי פיל כוח און מוח! עס זיינען נאָך ווייט ניט אויסגעדאַרט, חלילה, די אַמאָליקע „יידישע קעפּלעך". טאָ פאַרוואָס זעען מיר עס דאָ ניט?

זינט דאָס שטעטל האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין, האָט יעדער ריכטונג גענומען עפּעס איין טייל פון גאַנצער יידישקייט און געוואָלט מיט דעם טייל יוצא זיין אַנשטאָט אַ גאַנצער אָרגאַנישער יידישקייט. אַלע האָבן געזוכט עפּעס נייס, אַלע האָבן געשאָטן פעך און שוועבל אויף דעם אַלטן. אַלע האָבן מיר, אַלע ריכטונגען, געזוכט די נייע לוחות ביי די הערשנדיקע פעלקער (אויך אין דער מדינה אַזוי!). און — וואָס עס איז גוט פאַר אי־וואַנען, דזשאַנען און כוואַנען קען אָבער ניט טויגן פאַר יאַנקלען: מיר זיינען אַן אַנדער פאָלק, אַן אַנדער געשיכטע, אַן אַנדער פסיכיק, אַנדערע באַ־דינגונגען. דערפאַר דאַרפן אַלע ריכטונגען זאָגן מיט דעם נביא „פאַרוואָס האָב איך געהאָפט אויף ווייַנטרויבן און עס זיינען געקומען ווילדטרויבן?"

יידישקייט און יידיש לשון

וועלן מיר אָנהייבן פון אַלף: וואָס איז יידישקייט? — יידישקייט איז אַלץ וואָס עס שיידט אָפּ יידן פון אַלע אַנדערע פעלקער און וואָס עס פאַרבינדט אַלע יידן אומעטום אין איין איינהייטלעכע גאַנצקייט און וואָס עס באַהעפט דורות צווישן זיך. יידישקייט איז אַ גאַנצע, אָרגאַנישע, פאַרזיכיקע איינהייט געאָגראַפיש און געשיכטלעך. קיין מאָל קען איין טייל ניט זיין גלייך צו דעם גאַנצן. אויך די מדינה האָט ניט אויפגעהערט איבערצרזעצן פרעמדס אָנשטאָט צו שאַפן אַליין אָרגאַניש פון דעם געירשנטן שטאָף

די געשיכטלעכע גאַנצקייט מיינט ניט בשום אופן אָנצוהאַלטן היינט דאָס לעבן פון נעכטן, עס מיינט ניט צו לעבן אין אורבאַניזם דאָס לעבן פון שטעטל. דאָס איז אוממעגלעך און שעדלעך. אין דעם איז דער טעות פון אָרטאָדאָקסן (דער טעות, אָדער עפּעס ערגערס) די רעליגיעזע ניט־אָרטאָדאָקסן מיינען לכתחילה צו לעבן אַ פרעמד לעבן און יוצא צו זיין מיט אַ סערמאָן אין טעמפּל אָנשטאָט גאַנצער יידישקייט. אויך דער סערמאָן און דעם טעמפּל איז אַ נאָכמאַכערישער. אין אָרגאַנישער גאַנצער יידישקייט דאַרף אָבער אַלץ האָבן אַן אָפּשטאַם דווקא פון שטעטל, דער היינט מוז שטאַמען פון נעכטן. ניט קאָפּירן, זאָג איך, נאָר אָפּשטאַמען. די גמרא רופט עס אָן „בית אָבות״. אָן דעם איז אַ תורה קיין תורה.

יידיש לשון איז אָרגאַניש די הויט וואָס הילט איין דעם גאַנצן קערפּער. אָן יידיש לשון איז ווי אָן אַ הויט. פאַרברענט די הויט — מוז שטאַרבן דער גאַנצער קערפּער. אָן יידיש־לשון בלייבט אויך העברעאיש אָן אַ באָדן. אָן יידיש־לשון בלייבט אויך דער צובונד צו דער מדינה, די געטרייקייט צו איר פון דעם גאַנצן פאָלק, ווידער אָן אַ באָדן.

יידיש אַליין איז נאָך ווייט ניט קיין יידישקייט. די הויט אַליין איז ניט דער קערפּער. דאָס האַרץ איז דער וויכטיקסטער אָרגאַן אין אָרגאַניזם. אָבער דאָס האַרץ אַליין קען ניט לעבן. די פאָרמול, וואָס איז באַליבט געוועזן ביי די יידישע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן אין אָנהייב, נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, און אויך אַנדערשוואו „סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דעם פאָרעם״ — די פאָרמול האָט אָפּגענאַרט, זי איז פאַלש. יידישער סאָציאַליזם איז ווייט ניט סאָציאַליזם אויף יידיש. פונקט ווי עס איז פאַרשיידן סאָציאַליזם ביי דייטשן און ביי רוסן. פונקט ווי עס איז אַנדערש אַנטיסעמיטיזם ביי רוסן און ביי דייטשן. אין אַ יידישן לערנבוך אַ מעשה פון „אַ פראָסט רויטער נאָז און אַ פראָסט בלויער נאָז״, וואָס איז פּשוט איבערגעזעצט פון אַ רוסישער פאָלקס־מעשהלע פאַר קינדער, קען ניט האָדעווען קיין יידישע קינדער. עס איז ניטאָ קיין איין איינהייטלעכע, מאַניסטישע אוניווערסאַלע קולטור וואָס מען קען האָבן אין אַלע שפּראַכן.

יידישער שטייגער

אָרגאַנישע יידישקייט נעמט אַרום אַחוץ לשון־יידיש אויך אַ גאַנצן שטייגער אין די היימען און אין געזעלשאַפט. דער שטייגער דאַרף זיין אַזוי אַנדערש, פאַרזיכיק, אייגנאַרטיק, אַז אַפילו ווען מען זאָל ריידן די זעל־ביקע שפּראַך וואָס אַנדערע, וועט זי אין משך פון דורות ווערן אַ באַזונ־דערע יידישע שפּראַך.

פון וואָס באַשטייט דער שטייגער? — פון לשון, פון עסנס, פון טרינקען און פון פאַרווייַלונג אין די היימען און אין געזעלשאַפט. פאַרווייַלונג נעמט אַריין דאָס אַלץ וואָס מען רופט ביי אונדז „קולטור".

אַלע מאָדערנע מיטלען פון פאַרווייַלונג, אָבער דער מאַטעריאַל מוז געשעפּט ווערן פון אייגענעם נעכטן, פון שטעטל טאַקע. שבת, יום טוב־עסן, פוץ, אָרדענונג, געזאַנג, זמירות פון אונדזער פאַרזיכיקן לעבן אין שטעטל גענומען, איבערגעקנאַטן, איבערגעשאַפן, מאָדערניזירט. אָבער פון אייגענעם גאָרטן גענומען, ליטעראַטור ווי אַ טייל פון היימישן צוואַנג, נאָר מיט פריידיקייט, מיט יום־טובדיקייט, געמיטלעך, פאַרווייַלונג מיט צופרידנקייט. עס דאַרף ניט זיין דווקא לויטן שולחן ערוך, עס מעג זיין קעגן שולחן ערוך, אָבער עס דאַרף זיין פריידיקע צופרידנקייט מיט שטייגערישער יידישקייט. דערפאַר דאַרף זיין שטענדיקייט אין פירונג, אין שטייגער, אין היים. דאַרפן קינדער זיך אַריינלעבן און איינלעבן אין אָט דער שטענדיקייט און זי פילן ווי יידישקייט: שטענדיקע מאכלים לויט די יום־טובים, טיש־געזאַנגען, רעקאָרדן, שמועסן, דיסקוסיעס, פאַרלייענען פון ליטעראַטור, געסט. שטייגער. בר־מצווה און בת־מצוות — אומבאַדינגט, און פאַרוואָס ניט מער מיט אַ צערע־מאָניאַל? אין זע ניט אין קיין שום מאָטיוו פאַרוואָס דער בית מדרש, די שול, זאָל זיין פסול פאַר אַ וועלטלעכן יידן. פאַרקערט, זי קען זיין אַן אָרגאַ־נישער טייל פון שטייגער מיט געוויסע רעפאָרמען, ענדערונגען און מיט צוגעבן נייע עלעמענטן פון דער מאָדערנער ליטעראַטור. מען דאַרף גע־דענקען, אַז די גאַנצע שול, דער בית־כנסת איז אויפגעקומען אַמאָל (נאָך אין בבל) ווי אַ וועלטלעכער צוזאַמענקום פאַר ליטעראַרישן און מוזיקאַלישן פאַר־ברענגען מיט עלעמענטן פון פאָלקישן עבר. דאָס איז פונקט דאָס פאַרקערטע וואָס צו דעם שטרעבן די רעליגיעזע פון אַלע ריכטונגען — צו מאַכן פון יידישקייט אַ מין נייע קירכע, צו די אַלע קירכעס וואָס זיינען פאַראַן אין אַמעריקע.

פאַרשטייט זיך, אַזאַ אַזאַ פולע פּראָגראַם פון יידישקייט אין די היימען און אין דערציאונג וואָלט געקאָנט אַמבעסטן דורכגעפירט ווערן אין יידישע, יידיש־וועלטלעכע פאַרשטעטלעך, עלעהיי מאָדערנע „נייסקוויר". אָדער, לאָמיר זאָגן, נייע קהילות — וועלטלעכע יידישע קהילות. קליינע אויטאָנאָמע יידישע שטעטלעך. לויט דער פאָרמול „מאַכן אַ לעבן" — אַלע פעלקער

צוזאַמען, אויסלעבן זיך, אָבער איטלעך פֿאַלק פֿאַר זיך, אין זיין סביבה. אורבאַניזירן די יידישקייט פֿון שטעטל.

עס פֿאַרשטייט זיך אויך, אַז אַזוינע קהילות דאַרפֿן האָבן אָנפֿירערס — וועלטלעכע רבנים. וואו נעמט מען זיי, אַז אַלע סעמינאַרן מיידן אויס יידישע קולטור און שפּראַך? אין אַלע סעמינאַרן וואָס גרייטן ראַביינס, „גייס־טיקע פּירערס" פֿון יידן אין אַמעריקע, לערנט מען גאַנץ היפּש זאַכן וואָס האָבן אַ שייכות צו יידישער אַרכעאָלאָגיע, אָבער מען נעגירט אין גאַנצן אַלץ וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער דירעקטאָר יידישער געשיכטע.

אַרכעאָלאָגיע — פֿאַרצייטיקע זאַכן וואָס האָבן ניט קיין שפּורן אין היינטיקן לעבן!

געשיכטע — דער דירעקטאָר אָפּשטאַם פֿון דעם גאַנצן פֿאָלקישן היינט.

וואָלטן יידן געהאַט מער דרך ארץ צו זיך, וואָלטן זיי געצוואונגען אַלע סנאָביסטישע הויכשולן פֿאַר אָנפֿירערס פֿון יידישקייט מען זאָל אַריינפֿירן אָב־ליגאַטאָריש אין קורס די יידישע קולטור פֿון אונדזער שטעטל וואָס איז געווען די רייכסטע און שעפֿערישסטע תקופה אין אונדזער גאַנצער געשיכטע. עס איז דאָך אַ טראַגישער וויץ, אַ בייז געלעכטער פֿון אַשמדי, אַז די אָנ־פֿירערס פֿון יידישקייט זיינען פֿרעמד, עם־הארציש פֿרעמד צו דער נאָענטסטער יידישער קולטור.

זיבעציק יאָר פֿון נאַציאָנאַל וועלטלעכער יידישקייט

פֿון עמנואל פּאַט

דאָס יאָר 1897

דאָס היינטיקע יאָר 1967 וועט אונדז געבן אַ געלעגנהייט צו פֿייערן צוויי גרויסע געשעענישן אין יידישן לעבן: דעם 29 אויגוסט 1897, האָט זיך אין באַזעל געעפֿנט דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס און אין 6 וואָכן אַרום, דעם 7־9 אָקטאָבער, איז אין ווילנע געגרינדעט געוואָרן דער „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד".

געזען פֿון דער פּערספּעקטיוו פֿון קיילעכדיקע זיבעציק יאָר, איז דאָס יאָר 1897 באמת דער גרויסער ווענדפּונקט אין אונדזער מאָדערנער יידישער געשיכטע. פֿון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז די אַנטשטייאונג פֿון די צוויי ריכטונגען, וואָס האָבן זיך גלייך געשטעלט אין פֿאַרביסענעם קאַמף איינער קעגן דעם אַנדערן, בלויז אַ דאָפּלטאַרטיקע מאַניפֿעסטאַציע פֿון איין פּראָ־צעס: פֿון דער אויפֿוואַכונג פֿון אַ נאַציאָנאַל־וועלטלעכער יידישקייט.

יאָ, 1897 איז אונדזער יידישער 1776: דאָס יאָר פֿון דער פּראָקלאַמאַציע פֿון אַ זעלבסטשטענדיקער, מאָדערנער יידישער נאַציע.

פאַלשער טייטש פון וועלטלעכקייט

דאָס וואָרט „וועלטלעכקייט" האָט ביי אונדז געהאַט אַ ביטערן מזל. איבערפלעכלעכע אינטערפּרעטאַציע פון פריינט און בייזוויליקע אַטאַקעס מצד קעגנערס האָבן דעם באַגריף „וועלטלעכקייט" אַריינגעשטופּט אין אַ סדום־בעטל און אָפּטמאָל עס דערפירט צו אַ קאַריקאַטור פון דעם אמתן היסטאָריש־געזעלשאַפטלעכן באַגריף פון דעם וואָרט.

(אויך גוט־מיינענדיקע וועלטלעכע יידן זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם איינפלוס פון אַט דער קרומער אינטערפּרעטאַציע. סימנים דערפון האָט מען געקענט זען אין טייל אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין לעצטן נומער „קולטור און דערציאונג").

לויט אַט דער פאַלשער, אָבער ברייט־פאַרשפּרייטער מיינונג איז אַ וועלטלעכער ייד נאָר דער, וואָס האָט גרינטלעך אָוועקגעוואָרפן יעדן גלויבן אין גאָט (אַן אַטעאיסט אָדער אין בעסטן פאַל — אַן אַגנאָסטיקער); וואָס האָט ניט קיין שום שייכות מיט אַ סינאַגאָגע; וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע יידישע דינים; וואָס יידישע יום־טובים זיינען פאַר אים פרעמד אויב ניט בפירוש אָפּשטויסנד (די אַנגענומענע ווערסיע איז אַ ער דאַרף זיין אַ בייזער צו־להכעיסניק און וועט דווקא בפרהסיא ברעכן אַלע דינים, מאַכן יום־כיפור־בעלער, עסן בשר־קוויטש). אַלץ אין דער יידישער טראַדיציע און קולטור־ירושה איז ער גענויגט אָפּצוואַרפן — ווייל דאָס איז דאָך געשאַפן געוואָרן דורך רעליגיעזע מענטשן און איז אַדורכגעדרונגען מיט רעליגיעזן גייסט.

דאָס איז אַ פאַלשע און בייזוויליקע קאַריקאַטור פון דעם גרויסן רענעסאַנס־פּראָצעס אין יידישן לעבן, וואָס איז אויפגעקומען סטיכיש ווי אַ רעזולטאַט פון די אָביעקטיווע ראַדיקאַלע שינויים אין יידישן לעבן צום סוף פון נייצנטן יאָרהונדערט — און ניט, ווי די היינטצייטיקע בעלי־תשובה־פּובליציסטן שטעלן פאַר — ווי אַ רעזולטאַט פון ווילדער אַגיטאַציע פון אַ גרופּע אַפּיקורסים. היסטאָריש־גענומען איז עס געווען די געזונטע זעלבסט־אויפהאַלטונג־רעאַקציע פון יידישן פאָלק, וואָס האָט געזען זיין גורל באַדראָט ווען די ווענט אַרום דער טראַדיציאָנעלער „שטעטל־קולטור" זיינען צעשמעטערט געוואָרן דורך די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע ענדערונגען אין מזרח־אייראָפּע און האָט ניט געוואָלט נאָכפאָלגן דעם טרויעריקן מוסטער פון אַ באַרג־אַראָפּ צו אַסימילאַציע, וואָס מערב־אייראָפּע האָט פאַר אים געוויזן.

רעליגיעזע פאָרעם פון יידישן לעבן

די ביז־דעמאָלטיקע פאָרעם, פון יידישער עקסיסטענץ אין מזרח־אייראָפּע איז געווען דורך און דורך אַ רעליגיעזע. יידן זיינען געווען אַן אויסשליסלעך רעליגיעזע עדה. פון דער רגע פון געבורט ביז דעם מאָמענט פון אַרויפּ־

שיטן דאָס לעצטע ביסל ערד אויף דעם קבר איז דאָס לעבן פון ייד געווען פולשטענדיק רעגולירט דורך רעליגיעזע דינים. יעדער ייד האָט געגלויבט אין „יידישן גאָט" און נאָכגעפאָלגט זיינע געזעצן.

די „געזעצגעבונג" פון יידישן לעבן איז געווען אַ רעליגיעזע. סיי אין זיין פּריוואַטן לעבן, סיי אין זיינע באַציאונגען מיט אַנדערע מענטשן, געשעפטן, ירושה א. ד. גל. איז דער ייד געווען „רעגירט" דורך יידישע רעליגיעזע אינסטאַנצן (רב, בית־דין). אָרגאַניזאַציאָנעל, אַלס אַן עדה, איז דער יידישער ישוב געווען קאָנצענטרירט אַרום דעם בית־מדרש און שול און אין די כלערליי חברות, וואָס האָבן אַלע געהאַט אַ רעליגיעזע מאָטיווירונג און זיינען געווען אַ טייל פון דער רעליגיעזער סטרוקטור פון יידישן לעבן. אַז דער חינוך איז געווען אַן אויסשליסלעך־רעליגיעזער — פאַרשפּאָרן מיר צו זאָגן. די ליטעראַטור, סיי פאַר די למדנים, סיי פאַר דעם פּראָסטן עולם, איז אויך געווען אַ רעליגיעזע.

יידן האָבן אַלזאָ געלעבט מיט אַ ריין־רעליגיעזער ציוויליזאַציע. יידישקייט און יידישע רעליגיע זיינען געווען איין און די זעלבע זאַך.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ ברייטער צו שילדערן ווי אַזוי די דאָזיקע פּעסטונג, וואָס האָט במשך פון צוויי טויזנט יאָר מיט אַזוי פיל דערפאָלג איבערגעהאַלטן אַלע ביטערע שטורעמס, האָט זיך גענומען ברעכן. דער אָנקום פון דער אינדוסטריאַליזאַציע אין רוסלאַנד, די ליבעראַלע ווינטן אין דער רוסישער געזעלשאַפט, דער אומגעהויערער דראַנג נאָך וועלטלעכער בילדונג, וואָס האָט במשך פון געציילטע יאָרצענדליקער פאַרכאַפּט (און גרינטלעך אַסימילירט) צענדליקער טויזנטער יידישע יונגע מענטשן זיינען פּאַקטאָרן, וואָס זיינען אַלעמען באַקאַנט. ווי בליץ־שנעל אָט דער אַסימילאַציעפּראָצעס איז פאָרגעקומען און ווי טיף ער האָט זיך שוין באַוויזן אַריינצורייסן אין סאַמע מיטן פון דער יידישער פאָלקסמאַסע, קען מען זען פון דעם פאַקט, שטאַרק צו באַדויערן, וואָס ביי אונדז איז דער ענין אַזוי פאַרקריפּלט געוואָרן. די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע האָט געלייגט דעם יסוד פון אַ מאָדערנער וועלטלעכער אַמעריקאַנער נאַציע — כאָטש די באַפעלקערונג איז דאַן, אין איר ריזיקער מערהייט, געווען זייער קריסטלעך־פרום און איינגעשטעלט האָבן אָט די סעקולערע פּרינציפּן מלוכה־מענער, וואָס זיינען כמעט אַלע געווען טיף־רעליגיעזע, אָפּטמאָל אָפּגעהיט־פרומע מענטשן. און קיינער האָט ניט געצווייפלט אין דעם, אַז דער קירכע־גייער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן העלפט בויען אַ וועלטלעכע אַמעריקאַנער מלוכה! די אַמעריקאַנער מלוכה־שול איז סעקולאַר — הגם די גרויסע מערהייט פון די עלטערן, קינדער און לערערס זיינען רעליגיעזע מענטשן און געהערן צו רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס.

פאַרוואָס האָט מען ביי אונדז יידן אָנגענומען אַזאַ פלאַכן צוגאַנג צום ענין וועלטלעכע און רעליגיעזע יידישקייט? פאַרוואָס קען מען ניט פאַרשטיין, אַז פרומקייט אָדער אומפרומקייט, אָנגעשלאָסנקייט אָדער ניט־אָנגעשלאָסנ־

קייט אין אַ קאָנגרעגאַציע דעצידירן נאָך ניט וועגן אונדזער פּאָזיציע אין ייִדישן לעבן? איז דער דירעקטאָר פון אַ רעליגיעזער שול אין אַדעס — מענדעלע מוכר ספרים — ניט דער זיידע פון דער מאָדערנער וועלטלעכער ייִדישער ליטעראַטור? י. ל. פּרץ׳ס „מסירת נפש״ און „צווישן צוויי בערג״ זיינען זיכער שאַפונגען מיט אַ טיפן רעליגיעזן אינהאַלט אָבער צווייפלט דען עמעצער, אַז י. ל. פּרץ איז דער גייסטיקער פאָטער פון ייִדיש־וועלט־לעכן קולטור־אויפשטייג? צי וועלן די עקסטרעמע סעקולאַריסטן ביי אונדז פאַרווערן צו לערנען „די גאָלדענע קייט״ אין אונדזערע שולן, ווייל איר גאַנצער אינהאַלט באַזירט זיך אויף דער הייליקייט און אומבאַרירלעכקייט פון שבת־קודש — בעת פאַר זיי איז דער גאַנצער ענין שבת אַ זאַך, וואָס שמעקט מיט קלעריקאַליזם?

און פאַרקערט. אויך די פרומע ייִדישע גאַרבערס פון קרינקי און די נאָך מער פרומע טליתים־וועבערס פון קאָלאָמיי וועלן ניט דיסקוואַליפיצירט צוליב זייערע בערד, זייערע ציצית און תפילין, ווי די געטרייסטע קעמפערס פאַר דער סאַמע אויסגעשפּראָכן וועלטלעכער ריכטונג ביי אונדז, פאַר דעם „בונד״! און דער ביאַליסטאָקער רב ר׳ שמואל מאָהילעווער איז דאָך אַוודאי געווען אַפּגעהיט־פרום; אָבער זיין אָרט אין דער ייִדישער געשיכטע פאַרנעמט ער ניט צוליב זיין פרומער גלעלערנטקייט, נאָר גאָר אַלס דער פאַראויסגייער און באַדן־אויפאַקערער פון אַ נאַציאָנאַל־וועלטלעכער קאָנצעפּציע פון ייִדישן לעבן — דעם ציוניזם. און אין אונדזער צייט האָט אַ ראַביי (הלל סילווער) אָנגעפירט דעם מעכטיקן און דערפאָלגרייכן קאַמף פאַר דער עטאַבלירונג פון אַ ייִדישער מדינה. אָבער געטאָן האָט ער עס ניט ווי אַ פירער פון אַ רעליגיעזער עדה, ניט מיט תפילות און תעניתים — נאָר ווי אַ קאָמאַנדיר פון אַ ברייטער, וועלטלעכער ייִדישער פאָלקס־באַוועגונג, מיט מאָדערנע, וועלטלעכע פּאָליטישע מעטאָדן.

אונדזערע מאָדערנע וועלטלעכע אינסטיטוציעס

פונקט אַזוי — מיט די בויערס פון אונדזערע אַמעריקאַנער מאָדערנע, וועלטלעכע אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער הילף, פאַרן קאַמף מיט די דיס־קרימינאַציע, די פירערס פון אונדזערע לאָקאַלע און נאַציאָנאַלע פאָנד־זאַמ־לונגען. ווי יחידים קענען זיי זיין פרום אָדער אומגלויביק, זיי קענען צאָלן שטייער אין אַ טעמפּל אָדער זיי קענען פון אים ווייכן. וויכטיק איז נאָר איין זאַך: אויף וויפל זיי באַטייליקן זיך אַקטיוו אין ייִדישן לעבן, העלפן זיי עס בויען אויף מאָדערנע וועלטלעכע יסודות.

דאָס זעלבע מיט געגניסן פון אונדזער קולטור־ירושה, מיט פּרעזערווירן אָדער מאָדיפיצירן ייִדישע פאָלקס־טראַדיציעס און מנהגים. עס איז ניט דעצידירנד צי מיר שעפּן פון מקור פון אונדזער נעכטן (וואָס איז געווען רעליגיעז) אָדער מיר פּראָדוצירן אין גאַנצן נייע מנהגים און צערעמאָניאַלן. וויכטיק איז צו וואָס פאַראַ צוועק מיר נוצן עס! די געצנדינערישע צערע־

מאַניאַלן פון אַנצינדן אַ פייער ביים פונאַנדערשניידן דאָס פליישׂ אויף די מאָדערנע אַמעריקאַנער בר־מצוות׳ס זיינען געוואָרן אַ טייל פון פראַוון רע־ליגיעזע יידישקייט; און דאָס אַנצינדן ליכט פרייטיק צו נאַכט אין אונדזערע שולן קענען דינען ווי אַ מיטל צו פאַרשענערן, פאַריומטובדיקן אונדזער וועלטלעכע יידישקייט.

די אומקלאָרקייט וועגן דעם מהות פון וועלטלעכקייט אין יידישן לעבן ברענגט אַריין אַ גרויסע צעטומלונג ניט נאָר אין אונדזערע רייען, נאָר אין גאַנצן אַמעריקאַנער יידנטום. און די קאַפּיטולאַציע פון פיל וועלטלעכע יידן פאַר דעם באַנייטן אָנגריף פון די רעליגיעזע קרייזן, פאַר זייער פאַרמעסט צוריקצודרייען די גאַנצע מאָדערנע יידישע געשיכטע פאַר די לעצטע 70 יאָר און צוריק פאַרוואַנדלען די יידן פון אַ פאָלק־געמיינשאַפט אין אַ רע־ליגיעזער עדה — רופט אַרויס ממש אַ קאַטאַסטראָפאַלע רעאַקציע ביי דער שנעל־וואַקסנדיקער מחנה פון יידישע אינטעלעקטואַלן, פּראָפעסיאָנאַלן און דער עיקר ביי אונדזער יוגנט — וואָס זיי אַלע קענען בשום אופן ניט זען זיך גופא ווי אַ טייל פון אַ יידישער ריין־רעליגיעזער געמיינדע.

זיבעציק יאָר נאָך דעם זיגרייכן אויפקום פון דעם וועלטלעכן רענעסאַנס צווישן יידן מוזן מיר אין אַמעריקע אויפסניי, ווי די פּיאָנערן ביים סוף לעצטן יאָרהונדערט, אויפהויבן דעם אַלטן שטרייט און קלאָר דערקלערן:

מיר, יידן פון אַמעריקע און פון ישראל, פון אייראָפּע און פון דרום־אַמעריקע, זיינען ניט אַ רעליגיעזע פאַראייניקונג. מיר זיינען ניט גלאַט „יידן פון משה׳ס גלויבן״. מיר זיינען מאָדערן וועלטלעך פאָלק מיט מאָדערנע וועלטלעכע זעלבסטפאַרוואַלטונג־פאָרמען. מיר זיינען אַ מאָדערנע וועלטלעכע נאַציע גלייך מיט די אַנדערע מאָדערנע וועלטלעכע נאַציעס פון דער וועלט!

יידישקייט אין וועלטלעכע היימען

פון מאַניע ריינהאַרץ (טאָראָנטאָ)

באַך צענדלינגער יאָרן זיינען די לערערס, דערציערס און שול־טוערס פון די יידיש־וועלטלעכע שולן ניט גאָר צופרידן מיט די דערגרייכטע רעזולטאַטן. זיי האָבן ספקות, צי וועט די דערציאונג פאַרהיטן פון אַסימילאַציע און אָפּגעפרעמדקייט.

די דאָזיקע ספקות האָבן לערערס פון אַלע יידישע שולן. מיר ווייסן פון אַ סך פאַלן ווען דערצויגענע אין רעליגיעזע שולן זיינען מיט דער צייט קאַלט געוואָרן צו דער יידישקייט, וועלכע מען האָט פאַר זיי געפּרע־דיקט. די סטאַטיסטיק גיט אָן ציפערן אַז דווקא אין די קלענערע שטעטלעך, וואו עס איז דאָ אַ ראַביי, אַ תלמוד־תורה און דער ראַביי איז זייער אַקטיוו

אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין די צאָל געמישטע חתונות זייער אַ גרויסע.

הייסט עס — ניט די שול, ניט די היים, נאָר אָביעקטיווע באַדינגונגען האָבן די גרעסטע ווירקונג.

פונדעסטוועגן זעען מיר, אַז די איצטיקע יידישע יוגנט באַטראַכט ניט אַסימילאַציע ווי אַן אויסוועג. זי שעמט זיך ניט מיט איר יידישקייט און פאַרלייקנט זי ניט.

אמת, זי רעדט ניט קיין יידיש, אויך ניט קיין העברעאיש. זי הערט ווייניק די שפּראַך אַרום זיך, אָבער זי לייענט מיט גרויס אינטערעס ביכער אין ענגליש אויף יידישע טעמעס. אייניקע באַקומען אויך אינטערעס פאַר דער שפּראַך, פאַר דער געשיכטע און האָבן דרך־ארץ פאַר זיי. צי קען מען דאָס אָנרופן אַסימילאַציע?

אויפן סמך פון מיינע שמועסן מיט געוועזענע שילער, האָב איך דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען גאַנץ נאָענט צו יידישע פּראָבלעמען, אַפילו אין זייער אינטערעס צו אַלגעמיינע ענינים שטעקט אַ שפּאָר ביסל יידישקייט. לאָמיר דאָ ווידער דערמאָנען די וויכטיקייט ניט נאָר פון ווערטער, נאָר אויך פון ווערטן. די ווערטן ציען מיר פון פאַרשיידענע קוואַלן: פון גלויבן אין מענטשן, אין פּראָגרעס, אין סאָציאַלן יושר.

אָט דעם גלויבן ווילן מיר אַריבערגיסן אין די נשמות פון אונדזערע תלמידים מיט דער הילף פון יידישער ליטעראַטור, געשיכטע און יידישע טראַדיציעס. אַוודאי וואָלט אַ יידישע אַטמאָספער אין דער היים אַ סך גע־האָלפן, אָבער ווי אַזוי קענען וועלטלעכע יידן זי שאַפן? אין דער ערשטער ריי איז עס אָפּהענגיק פון די עלטערן. די עלטערן, וואָס שיקן די קינדער אין וועלטלעכע שולן זיינען ניט מסוגל אַריינצופירן אין דער היים דעם יידישן שטייגער, ווייל זיי האָבן זיך אין אים אָנטוישט.

דאָס געהערן צו אַ יידישער אָרגאַניזאַציע באַפרידיקט זיי ווי וועלטלע־כע יידן. זיי באַמיען זיך אַריינציען די קינדער אין דעם קרייז פון זייערע אינטערעסן. זעלטן געלינגט עס, אָבער עפּעס בלייבט. די קינדער טרעטן אַרויס אויף אונטערנעמונגען אין די אָרגאַניזאַציעס פון זייערע עלטערן. אַ סך טוען עס אין יידיש און פאַרשאַפן נחת די עלטערן און די לערערס, וואָס האָבן זיי צוגעגרייט. ביי אַ געהעריק אויסגעשטעלטער אַרבעט צווישן דער יוגנט וואָלט מען אַפילו געקענט זיי אַריינציען אין יוגנט־קלובן ביי די אָרגאַניזאַ־ציעס פון זייערע עלטערן.

אָבער אין אַלגעמיין זיינען אונדזערע קינדער צו פיל פאַרנומען מיט אַנדערע יוגנטלעכע, אָבער זיי ווילן זיין אַנדערש ווי די עלטערן: דער אייביקער געראַנגל צווישן יונגן און אַלטן דור.

פאַר יידיש־וועלטלעכע מענטשן מיינט אַ יידישע היים אַן אָרט, וואו מען הערט אַ יידיש וואָרט, אַ יידישע פּליטע, וואו עס קומט אַריין אַ יידיש בוך, וואו ס'פירן זיך שמועסן וועגן יידישע פּראָבלעמען, ליטעראַטור, טעאַ־

טער. אונדדערע וועלטלעכע יידן זאָגן זיך אָפּ קפּו יידישע טראַדיציעס, זיי פּראַוועון אויך יידישע יום־טובים אָבער — ניט מיט צו פיל ברען. אַפילו אין דער אַלטער היים האָט מען געוואָלט אין די וועלטלעכע היימען וואָס שנעלער אָפּפּטרן די הגדה און נעמען זיך צו די קנידלעך. ס'איז געווען שיין צו זען, ווי מען בענטשט חנוכה־ליכט, אָבער ניט ווייניקער שיין איז געווען צו ציילן חנוכה־געלט און שפּילן אין דריידל.

אמת, קינדער האָבן ליב צערמאָניאַל, אָבער דאָס לעבן פון אַ יידיש אַמעריקאַנער קינד איז פול מיט צערעמאָניאַל און יום־טובים סיי אין שול, סיי אין קלוב, און זיי מאַכן שוין כמעט קיין איינדרוק ניט.

איך גלויב ניט, אַז וועלטלעכע יידן שרעקן זיך פאַר ימים־נוראים, פּילן זיך איינזאַם און פאַרשעמט. אין מיין סביבה האָב איך עס ניט געזען. איך האָב געזען אָבער אַ פאַרקערטע דערשיינונג, אַז ווען וועלטלעכע יידן גייען צוריק אין שול, ווייל ס'פּאַסט ניט צוליב די שכנים, פילן זיי זיך פאַר־שעמט ווייל זיי טוען דאָס אָן אַן אינערלעכן גלויבן. די יוגנט האָט אויך ליב צו גיין אין שול ווייל עס איז ספּעקטאַקולער, אָבער קיין ממשות האָט ניט אַזאַ גייעניש, ווייל שפּעטער, נאָכן דאַווענען, נאָך דעם פאַסטן, זיינען די עלטערן און באַקאַנטע געבליבן די זעלבע ווי פריער.

איך האַלט יאָ פון וועלטלעכן ריטואַל, סיי פאַר די עלטערן, סיי פאַר די קינדער, מיטן תנאי, אַז דער ריטואַל זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טרוקענער פאָרמולע. איך בין זיכער, אַז מיט דער צייט וועט זיך אַ געוויסע פאָרעם איינשטעלן. מע דאַרף מער צייט.

קודם כל דאַרפן די עלטערן זיך מער אָפּגעבן מיט דער יידישער דער־ציאונג פון קינד. זיי דאַרפן עס טאָן מיט אינטערעס, אויפריכטיק. זיי דאַרפן שטיין אין קאָנטאַקט מיט יידישן דערציער. וועקן פרעסטיזש צום לערער, צו דער שול, קאָנטראָלירן די דערגרייכונגען פון קינד. זיי דאַרפן אָנהייבן ערנסט צו טראַכטן וועגן אַ פולער יידישער טאָגשול, וואו דאָס קינד זאָל פאַרברענגען אַ גאַנצן לערנטאָג. אָבער אַפילו אין אַ נאָכמיטאָג־שול טאָר מען ניט אָפּקומען בלויז מיט אַ פאָרמעלן לערנען. עס דאַרפן זיין קלובן און אַרבעט אין די קלובן.

פון דערפאַרונג ווייס איך, אַז קינדער באַציען זיך מיט דער גרעסטער פיעטעט צו די געטאָ־און אָנדענק־אָוונטן. דאָס ווייזט זיי אַז יידיש לעבט און מענטשן האָבן עס ליב צו הערן. זיי זוכן אַן ענטפער אויף יידישע פּראָבלע־מען: אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציע, דאָס לעבן אין ישראל, מלחמה און שלום, יושר און אומיושר. סאָציאַלע און עטישע פּראָבלעמען אינטערעסירן זיי מער ווי דערציילונגען וועגן אַמאַליקע רבנים און קידוש־השם. זיי ווילן מער קענען דעם היינט.

מיט די נייע כרעסטאָמאַטיעס, וואו מיר האָבן פאַרביטן ווערק פון אַ סאָציאַלן און אַקטועלן אינהאַלט, מיט לעגענדעס און דערציילונגען וועגן רבנים, האָבן מיר ניט דערגרייכט מער יידישקייט, אויך דער יום־טוב־

מאַטעריאַל האָט ניט געהאָלפן. ס׳שאַפט זיך אַ ניט־רעאַלע וועלט, וואו יידן לעבן פון יום־טוב צו יום־טוב. דער מאַטעריאַל אַנטשפּרעכט ניט דעם טעמ־פּעראַמענט פון די קינדער.

צום שלוס וויל איך זאָגן: מיר קענען ניט האָבן קיין גרויסע טענות צו זיך. וואָס קען מען דערגרייכן, ווען מען לערנט מיט די קינדער בלויז אַ זעקס שעה אַ וואָך? אָבער, ווען די פראַגע שטייט אויפן סדר־היום איז נויטיק ענגער קאָנטאַקט מיט די עלטערן, איינשטעלן אַן אייגענעם נוסח פאַר אַמעריקאַנער יום־טובים (יו־עז, לייבאָר־דיי), קלוב־אַרבעט. אָבער די הויפּטזאַך: מיט דער פולסטער ערנסטקייט און איבערגעבנקייט בויען אַ פולע יידיש־וועלטלעכע טאָג־שול.

אַ וואָרט פון אַ יונגן שול־טוער

פון ליאָ האָראָוויץ

זינט אַ סך יאָרן ווערן ביי אונדז דיסקוטירט די פּראָבלעמען פון יידישקייט.

מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, נאָך איידער דער זשורנאַל „קאָמענטערי" האָט אָפּגעדרוקט ענטפערס וועגן יידישקייט פון געוויסע יידיש־ענגלישע שרייבערס, האָט מיין ענגליש־ריידנדיקער ברענטש פון אַרבעטער־רינג אַראַנזשירט אַ פאָרום אויף דער טעמע „ווער איז אַ ייד?"

איז עס גוט וואָס „קולטור און דערציאונג" ברענגט איצט די מיינונגס־פאַרשיידנקייטן אַרויס אין דער ברייטער עפנטלעכקייט.

יאָ, עס הייבן זיך אָן באַוויזן שפּאַלטן אין דער פאַרטיידיקונגס־וואַנט פון אונדזער יידישקייט. מוז מען אָדער באַפעסטיקן אָדער איבערבויען אָט די וואַנט. אין איצטיקן מאָמענט איז וויכטיק צו געפינען פּראַקטישע מיטלען און אָפּהאַלטן די כוואַליעס פון אַסימילאַציע און געמישטע חתונות.

יודל מאַרק שרייבט אין זיין אַרטיקל, „ביים זוכן ענטפערס" אין דע־צעמבער־נומער „קולטור און דערציאונג":

„...מיר נויטיקן זיך איצט אין אַ נייעם שלחן ערוך, אַ וועג־ווייזער פון פּראַקטישע מיטלען פאַרן איינצעלנעם ייד און פאַר דער יידישער היים".

דער נייער שולחן־ערוך דאַרף, לויט מיין מיינונג, אָנהויבן מיט פייערונ־גען פון יידישע יום־טובים, ווייל אַ יום־טוב ברענגט נחת־רוח פאַר קליין און גרויס.

חנוכה, פּסח און פורים זיינען ניט די איינציקע יום־טובים וואָס יידן פאַרמאָגן. מע דאַרף פייערן אַלע יידישע יום־טובים. מיר פּראַוועןן אַ דריטן סדר אין דער יידישער שול, אָבער ניט צו פיל וועלטלעכע יידן פּראַוועןן דעם ערשטן סדר אין דער היים. פאַרוואָס ניט?

די הגדה וואָס דער אַרבעטער־רינג און דער שלום־עליכם אינסטיטוט האָבן אַרויסגעגעבן איז ניט אין גאַנצן צוגעפּאַסט פאַר דער היים. זיי זיינען צו אַלגעמיין. מען דאַרף אויסאַרבעטן אַ הגדה, אין יידיש און ענגליש, וואָס זאָל אַריינגעמען טיילן פון דער טראַדיציאָנעלער הגדה, צוגעפּאַסט פאַר וועלטלעכע יידן. די פיר קשיות דאַרף מען פרעגן אין יידיש, העברעאיש און ענגליש כדי אַלע ביים טיש זאָלן פאַרשטיין.

מע דאַרף ניט זיין קיין פרומער ייד ניט צו האַלטן פסח חמץ אין הויז. וואָס מער טראַדיציאָנעלע צערעמאָניעס, אַלץ שטאַרקער דער בונד צום יידישן פאָלק.

הקפות איז אַן איינדרוקספולע צערעמאָניע. פאַרוואָס ניט באַקענען מיט דעם די קינדער?

מיט יאָרן צוריק האָב איך זיך צוגעקוקט ווי יידן גייען צו תשליך. מיטאָמאָל האָט זיך באַוויזן יונגוואַרג און אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן ביים וואַסער. דאָס איז געווען זייער אויסדרוק פון צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק און צו זיינע יום־טובים.

בר־מצוה איז שוין אַן איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציע ביי אַמעריקאַנער יידן. מיר דאַרפן אויסאַרבעטן אַ וועלטלעכע פאָרעם פאַר בר־מצוה און אויך פאַר בת־מצוה.

אַ סך פרויען צינדן אָן ליכט פרייטיק, כאָטש זיי זיינען ניט פרום. דאָס ברענגט אַריין דעם יום־טוב אין הויז.

אַמעריקאַנער־געבוירענע יידן האָבן ליב צו זינגען יידישע לידער. דאַרף מען מאַכן אָן אָפּקלייב פון פּאָפּולערע לידער, אין יידיש און טראַנסליטערירט.

שטענדיק האָבן יידישע עקשנים־אידעאַליסטן, איינצלנע און גרופּעס, געזוכט און געפונען מיטלען ווי אַזוי צו פאַרזיכערן אונדזער צוקונפט. די וועלטלעכע יידן האָבן אויך אַזעלכע עקשנים־אידעאַליסטן. אויך זיי וועלן דאַרפן זוכן און געפינען די מיטלען ווי אַזוי צו פאַרזיכערן אונדזער שעפע־רישן המשך.

דימענסיעס פון יידישקייט

פון ד״ר שיקל פישמאַן

מענטשלעכע גרופּירונגען זיינען בדרך־כלל דינאַמישע און ניט סטאַטישע דערשיינונגען. עס בייט זיך ביי זיי זייער קוק אויף זיך, זייער קוק אויפן אַרום, אַ מאָל שנעלער און אַ מאָל פּאַמעלעכער. גלייכצייטיק בייטן זיך די מנהגים, די מצוות, די אויפפירלעכע מאַניפעסטאַציעס, לויט וועלכע דער יחיד באַצייכנט צוגעהעריקייט צום ציבור. נאָך אָפטער בייט זיך די פונקציע און די אינטערפּרעטאַציע פון אַ באַשטימטן אויפפיר

אָדער פון אַ גאַנצן קנויל אויפפירן. די מצוות (אָדער סאָציאַלע נאָרמעס) וואָס בייטן זיך ווערן אויפגענומען אין אַ קאָנטעקסט פון די אויפפירן און אידעאַלן וואָס בלייבן סטאַביל. דאָס איז גילטיק הן פאַר די וואָס בייטן זיך בפועל־ממש, הן פאַר די וואָס בייטן ס׳רוב זייער פונקציע. אויף אַזאַ אופן היטן מענטשלעכע גרופּירונגען אויף דעם געפיל פון דורותדיקייט, אַ געפיל און אַ פאַרלאַנג וואָס טויכט כסדר אויף נאָך אַלע תקופות פון אימפּעטיקער באַנייאונג.

די דימענסיע פון נייקייט

מיטן אויסנאַם פון געציילטע פּאַרוואָרפענע ווינקעלעך אין משך פון געציילטע תקופות, האָט זיך יידישקייט געהאַלטן אין איין בייטן, אין איין באַרייכערן, אין סאַמע גאַנג פון איר דורותדיקייט. געוויסע תקופות האָבן אַריינגעבראַכט מער נייקייט, מער אַנדערשקייט ווי אַנדערע. בדרך־כלל זיינען דאָס געווען תקופות פון פאַרשטאַרקטן קאָנטאַקט מיט אַרומיקע גרויסע קולטורן, ווען דער געוויינלעכער פּראָצעס פון קעגנזייטיקן איינפלוס איז פאַרשנעלערט געוואָרן. אַט אַזאַ תקופה טאַקע איז געווען די וואָס האָט אַרויסגעגעבן די וועלטלעכע יידישקייט מיט איר טראָפּ אויף יידישער גרויסשטאָטישקייט (ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער, שולוועזן: דאָס זיינען אַלץ שטאָטישע און ניט שטעטלשע מאַניפעסאַציעס) פּאָליטישקייט, און נאַ־ציאָנאַליסטישקייט. מיר זיינען די קינדער פון יענער תקופה און ס׳רוב פון אירע אינאָוואַציעס ווילן אונז בלייבן טייער, און מיט רעכט. איצט ווען ס׳זיינען שוין פאַרביי 50 און 75 יאָר נאָך דעם אויפברויז פון דער נייער וועלטלעכקייט, ווערט נאָך קלאָרער פאַר אונדז ווי פריער, אַז יענע באַ־נייאונג האָט צוגעטראָגן וויכטיקע אויסדרוקן און וויכטיקן אינהאַלט צו דער געשטאַלטיקונג פון יידישקייט. די יידישע מוזיק, יידישער נאַציאָנאַלער געדאַנק, די היינט צו טאָגיקע יידישע קונסט, דער אינטערעס אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע, דער יידישער נאַציאָנאַלער געדאַנק, די היינט צו טאָגיקע יידישע ווירקלעכקייט, די נאַציאָנאַלע יידישע שפּראַכן און זייערע ליטעראַטורן, אַט די אַלע קאָמפּאָנענטן וואָס האָבן אַזוי יסודותדיק באַריי־כערט דעם אינהאַלט פון יעדן מין יידישער דערציאונג אין משך פון די לעצטע 50 יאָר, זיינען די פּראָדוקטן פון יענעם אויפברויז וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די אינטעלעקטועלע און אַרבעטערישע יידישע קרייזן אין מזרח־אייראָפּע נאָך די 80ער און 90ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט.

פון יענער תקופה זיינען אונדז געבליבן ניט נאָר זכרונות, ניט נאָר טעקסטן, ניט נאָר סענטימענטן און איבערצייגונגען (וואָס דאָס זיינען אַלץ זייער וויכטיקע ירושות), נאָר אויך אַ סכום מצוות, מנהגים, יום־טובים, געדענקטעג און יובילייען. מער ווי אַלץ, עס איז אונדז געבליבן דער באַ־וואוסטזיין, אַז מען דאַרף זיך ניט שרעקן פאַר נייס. די דימענסיע פון נייקייט איז טאַקע בלויז איינע פון די דימענסיעס פון יידישקייט, נאָר זי איז פאָרט

אַ וויכטיקע דימענסיע. אונדזערע טאַטעס (און טיילוויז אונדזערע זיידעס) האָבן געשטרעבט דורך דער דימענסיע צו באַרייכערן זייער און אונדזער יידישקייט דורך אַריינברענגען אין איר די נייע נאַציאָנאַלע און אינדוסט־ריעל־אורבאַניסטישע סענסיטיווקייטן צו קולטורעלע רעכט און צו קולטורע־לער שעפערישקייט. די מזרח־אייראָפּעאישע וועלט האָט דעמאָלט געפיבערט מיט לאָזונגען און מאָנונגען. אונדזערע טאַטעס האָבן זיך דערשלאָגן צו אַן אופן פון פאַרבינדן, אָפּשפּיגלען און אַנטוויקלען יענע לאָזונגען און מאָנונגען אינעם יידישן לעבן, אינעם יידישן דענקען, אינעם יידישן שאַפן. אויב מיר זיינען איינגעגלויבט אינעם ווערט פון דער דימענסיע פון נייקייט, דאַרפן מיר זיך אויך ווייטער אַזוי פירן לגבי די מאָנונגען און לאָזונגען פון דער קאָמפּליצירטער וועלט אין וועלכער מיר לעבן איצט און אין וועלכער עס וועלן לעבן אונדזערע קינד׳ער און אייניקלעך.

די דימענסיע פון טיפקייט

אַמעריקע אַליין איז אַ יונג לאַנד. אירע אייגענע וואָרצלען זיינען נאָך ניט קיין טיפע ווייל די טיפסטע וואָרצלען פון אירע איינוואוינערס האָבן די זיידעס און באָבעס זייערע איבערגעלאָזט אין די אַלטע היימען אויף יענער זייט ים. אין אַמעריקע איז דעריבער אפשר גרינגער זיך פאַרצושטעלן איין דימענסיאָנעלע יידישקייטן, אין גאַנצן נייע יידישקייטן, ווי אין מער סטאַבילע און המשכדיקע טיילן פון דער וועלט. יידישקייט איז אָבער אַ מולטי־דימענסיאָנעלע דערשיינונג, פּונקט ווי עס איז דאָס לעבן פון יעדער דורותדיקער מענטשלעכער גרופּירונג. די יידישע אויפפירן און אויסדרוק־פאָרמען פון פריערדיקע דורות געהערן צו דער דימענסיע פון טיפקייט, פון מקורותדיקייט, פון שורשדיקייט, וואָס איז אַ באַזונדערער שטאָלץ פון אַן אַלט פאָלק, פון אַ פאָלק וואָס טראַכט און פילט און בויט אין די טערמינען פון אַ גאָלדענער קייט פון דורות.

די דימענסיע פון טיפקייט, אַלץ איינס ווי מיר דערקלערן איר אויפקום, שפּילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָל אינעם לעבן פון אַ ציבור אין אַ צייט פון גיכע סאָציאַלע ענדערונגען. אין אַזעלכע צייטן דינט די דימענסיע פון טיפקייט צו פאַרשטאַרקן דעם בונד צווישן קינדער, עלטערן און זיידעס, צו פאַרשטאַרקן דעם סאָציאַלן געוועב, ד״ה צו פאַרשטאַרקן די בשותפותדיקע אויפפירן, געפילן און סימפּאַטיעס וואָס אויף זיי האַלט זיך אי די גאַנצקייט פון דער משפחה, אי די טאָגטעגלעכע זיכערקייט פונעם יחיד. די דימענסיע פון יידישער טיפקייט איז אַ באַזונדערס רייכע אינעם גבול פון טאָגטעגלעכער און משפחהדיקער יידישקייט. די וואָס קענען אויפנעמען און אויסדריקן אָט די דימענסיע קענען יידישלעך באַשטראַלן אַלע שעהן פון יעדן מעת־לעת ביי זיך אין שטוב. די דימענסיע פון יידישער טיפקייט שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָפּקלייב פון אַנצאָליקע דורות אין שייכות מיט דער דימענסיע

פון יידישער נייקייט. נייקייט און טיפקייט קומען זיך כסדר צונויף און דערגאַנצן זיך, באַאיינפלוסן איינע דעם אַנדערן.

סטרוקטור און פונקציע

דער ציבור בייט זיך און דאָך זוכט ער המשך, כדי צו קאָנטראָלירן די ריכטונג און די גיכקייט פון דער אייגענער ענדערונג, און כדי אויפצוהיטן דאָס נייע וואָס מען האַלט אַז עס דאַרף בלייבן ניט געענדערט. ווי אַזוי דער־גרייכט אַ ציבור דעם געזונטן סינטעז צווישן דער דימענסיע פון נייקייט און דער דימענסיע פון טיפקייט? טיילוויז דורך פאַרבייטן אַלטע שטריכן דורך נייע, טיילוויז דורך באַשיצן אַלטע שטריכן קעגן קאָנטאַקט מיט נייע, טיילוויז דורך בייטן די פונקציע פון אַלטע שטריכן בעת די אַלטע סטרוקטור זייערע בלייבט מער־וויניקער ניט געענדערט. אַט דער דריטער צוגאַנג מערקט זיך צום שטאַרקסטן ביי היסטאָרישע גרופּירונגען וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט פאַרשיידנאַרטיקע טראַנספאָרמאַציעס. אינעם גאַנג פון יאָר־הונדערטער און יאָרטויזנטער קומען פאָר איבערגאַנגען פון אומבאַוואוסטזיניקער, פרימאָרדיאַלער, טאָגטעגלעכער עטנישקייט אויף מער אַרומענע־מענדיקן, אידעאָלאָגישן נאַציאָנאַליזם. (טראַנספאָרמאַציעס פון גרופּנדיקער אויטענטישקייט קומען אויך פאָר אין דער פאַרקערטער ריכטונג. גרויסע נאַציעס צעפאַלן זיך אויף קלענערע רעליגיעזע צי נאַציאָנאַלע איינהייטן און רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע גרופּעס צעברעקלען זיך אויף פרימיטיווערע עטנישע קאָנצענטראַציעס). דאָך, נישט קוקנדיק אויף די אַלע איבערגאַנגען, בלייבן געוויסע ציבורדיקע אויסדרוקן סטאַביל.

ווי קען דאָס זיין? ווי קען אַ פרייע תקופה אויפהיטן די סטרוקטורן (יום־טובים, מנהגים), אַפילו כאָטש טיילוויז, וואָס שטאַמען פון אַ פרומער תקופה? ווי קען אַ נאַציאָנאַליסטישע עדה אויפהיטן סטרוקטורן וואָס שטאַ־מען פון דער תקופה פון אומבאַוואוסטזיניקער עטנישקייט? ווי קען אַ תקופה וואָס שטייט אונטער דעם צייכן פון דער דימענסיע פון נייקייט אויפהיטן סטרוקטורן וואָס זייער שורש געפינט זיך אין דער דימענסיע פון טיפקייט? זייער אָפט געפינען מיר אַן ענטפער וואָס באַווייזט אַז פונקציע בייט זיך גיכער ווי סטרוקטור.

דער מאָדערנער מענטש לעבט בדרך כלל מיט אַ ברייטערן קרייז ניט־קרובישע באַקאַנטע, מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקערן קרייז אינטערעסן און פאַר־ווייַלונגען ווי דער פאַרצייטיקער מענטש. דאָך, לעבט אַפילו דער מאָדערנ־סטער מענטש ניט אויס אַלע זיינע שעהען אויף דער ניווא פון די סאַמע ברייטסטע, אַרומנעמענדיקסטע אידעאָלאָגיעס און דאגות. דער מאָדערנער מענטש (אייגנטלעך, ס׳רוב מאָדערנע מענטשן) גיט זיך אויך אָפּ מיט קלענערע, נעענטערע גרופּירונגען פון אַן ענגערן, משפחהדיקערן מין. אַט דורך די ענגערע, נעענטערע ציבורים ווערן אויפגעהיט די המשכדיקע סטרוקטורן וואָס פאַרבינדן דעם יחיד מיט פריערדיקע דורות. דער גבול פון

טאָגטעגלעכקייט בייט זיך צום ווינציקסטן; אַפילו די רעוואָלוציאָנערסטע באַוועגונגען באַנוצן זיך מיט טראַדיציאָנעלע סטרוקטורן אין וועלכע זיי גיסן ביסלעכווייז אַריין זייערע אייגענע פונקציעס, זייערע אייגענע אינטער־פּרעטאַציעס, זייערע אייגענע מאָטיווירונגען.

צוליב אָט אַזעלכע טראַנספאָרמאַציעס פאַרלירן אַמאָליקע רעליגיעזע מצוות זייער אָריגינעלן איבערנאַטירלעכן קאָנטעקסט און ווערן ביסלעכווייז אַריינגעגלידערט אין דער טאָגטעגלעכקייט, צי אין דער יום־טובדיקייט, אויך פון ניט־רעליגיעזע. פונקט אַזוי ווערן לכתחילהדיק וועלטלעכע לימודים, מנהגים און פייערונגען שפּעטער אָנגענומען אין פרומע קרייזן. אַזוינס האָט שוין ניט איין מאָל פּאַסירט אין דער יידישער געשיכטע. עס איז דעריבער ניט קיין וואונדער וואָס אַ יחיד צי אַ ציבור היט סוף־כל־סוף אַזאַ צי אַזאַ מיצווה, יום־טוב אָדער מנהג וואָס שטאַמט פון אַן אַנדער קרייז. די גאַנצע פונקציע פון אַן אַקט קען זיך בייטן, דער קאָנטעקסט פון אַ מנהג קען ווערן גאָר אַן אַנדערער ווי געווען, פונקט ווי די דיסטאַנץ צווישן אַ מאָל קעגנע־רישע ריכטונגען קען זיך בייטן און קען סוף־כל־סוף אַפילו פאַרשווינדן.

אַ פּערזענלעכער אויספיר

ניט די וועלטלעכע יידישקייטן, ניט די פרומע זיינען איצט אין אַמעריקע דאָס וואָס זיי זיינען געווען אין מזרח־אייראָפּע אין 1900. איך פיל זיך פריי צו שעפּן פון ביידע קוואַלן. די וועלטלעכע יידישקייט שטעלט נאָך אַלץ דעם טראָפּ אויף דער דימענסיע פון ברייקייט, כאָטש זי האָט שוין אַנטוויקלט אירע אייגענע טראַדיציעס און איז בכלל נעענטער צו דער טראַדיציאָנעלער וועלט ווי זי איז דאָס געווען מיט יאָרן צוריק. די טראַדיציאָנעלע יידישקייט שטעלט נאָך אַלץ דעם טראָפּ אויף דער דימענסיע פון טיפקייט און פון שטענדיקער סטאַבילקייט פון יידישקייט, כאָטש זי האָט אָנגענומען גאָר אַ גרויסע צאָל וועלטלעכע אינטערעסן און מיטלען און שטייט בכלל נעענטער צו דער מאָדערנער וועלט ווי זי איז דאָס געווען מיט יאָרן צוריק. איך דאַרף אין מיין יידישקייט אי די דימענסיע פון ברייקייט, אי די דימענסיע פון טיפקייט: יעדע דימענסיע פאַרמאָגט זיך אירע אייגנאַרטיקע סטרוקטורן צו וועלכע איך באַציי זיך עלעקטיש, דרך־ארצדיק און אַפילו מיט פּיעטעט. אַ חוץ דעם זיינען פאַראַן גאָר אַ סך סטרוקטורן ביי וועלכע ביידע דימענסיעס קרייצן זיך. איך זוך צו פאַרמערן אָט אַזעלכע סטרוקטורן, ספּעציעל אינעם גבול פון היים און משפחה, כאָטש זייער פונקציע איז אין מיין פאַל ניט קיין טראַ־דיציאָנעל פרומע. די אויסשטימונג פון די צוויי דימענסיעס איז פאַר מיר זעלטן אַ פּראָבלעמאַטישע, ווייל איך זוך ביידע דימענסיעס. איך נעם זיי ביידע אָן באַהבה. טאָמער איז ביי איין אויפפיר שטאַרקער איין דימענסיע ווי די אַנדערע, ערגערט דאָס מיך נישט. מיין גאַנצער באַנעם איז אַ פּאָזי־טיווער, און נישט קיין בוכהאַלטערישער. אפשר שטעקט אין דעם אַ דריטע דימענסיע וועגן וועלכער ס׳וואָלט נאָך געווען כדאי אַ מאָל צו שרייבן.

װעלטלעכער שולחן־ערוך

פון מ. אַלעקסאַנדער (סידנעי)

אונדזערע יידיש־װעלטלעכע חז״ל האָבן שטאַרק געזינדיקט. אַז משה רבינו איז אַראָפּגעקומען פון באַרג סיני און דערזען דעם עגל־הזהב (אָ, װיפל יידן דינען נאָך היינט צו אים!) האָט ער צעבראָכן די לוחות, ער איז אָבער דערנאָך צוריק אַרויף און אַראָפּגעברענגט אַנדערע לוחות. אונדזערע יידיש־װעלטלעכע חכמים האָבן צעבראָכן די אַלטע לוחות און אין נייעם שולחן־ערוך אַנגעשריבן איין װאָרט: לא! גאָרנישט! װאָס אַנדערע יידן טוען זאָלסטו נישט טאָן! דו ביסט באַפרייט פון אַלע עולן, אַלע אָבערגלויבנס און זאַבאַבאָנעס. דו ביסט פּטור פון אַלע מיצוות און פאָרמען. פאַר דיר גילט איין לא־תעשה און פאַרטיק.

מילא, מיר, דער עלטערער דור, לעבן נאָך אין זכות פון אונדזערע יוגנט־זכרונות. אין דער מחשבה װאַרעמען מיר זיך נאָך ביים טאַטנס טלית, ביים „שװאַרבע״ װאָס מיר האָבן געלערנט, אוודאי ביי גמרא מיט תוספות. מיר זיינען אימונזירט קעגן אַלע בייזן און פורעניותן און אפילו װען מיר זיינען נישט מקיים, װייסן מיר אָבער, מיר קלייבן אָפּ דאָס גוטע און היטן זיך פאַרן שלעכטן, מיר האָבן פאַר דעם נעמען: עטיק, מאָראַל, פרייער װילן, געזעל־שאַפטלעכע היגיענע און נאָך אַ טוץ אַ זעלכע.

װאָס טוט מען אָבער מיטן יונגן דור? מיט אונדזערע זין און טעכטער װאָס װאַקסן אויף אין הייזער אויסגעליידיקט פון יעדער רעליגיעזער פאָרעם און רעם? זיי זיינען נישט אימוניזירט געװאָרן װי מיר, זיי האָבן קיין שום איינשפּריץ נישט באַקומען. זיי דרייען זיך אַרום און װייסן נישט אויף װאָסער װעלט זיי זיינען. זיי זיינען יאָ יידן און נישט יידן. זיי װייסן נישט װאָס מיינט יידישקייט, מיט װאָס „עסט מען דאָס״... זיי װאַקסן אויס געלערנטע, דאָקטוירים, אַדװאָקאַטן, דענטיסטן, און װאָס נישט? זיי זיינען גרויסע קע־נערס, װעגן אַלצדינג װייסן זיי, נאָר װען עס קומט צו יידישקייט שטאַמלען זיי, זיי װייסן נעבעך גאָרנישט.

איז צייט אַז װעלטלעכע יידן זאָלן איינפירן פאָרמען אין זייער לעבן, אין זייערע היימען, אַנטאָן זייער װעלטלעכע יידישקייט אַ מענטעלע, דאָס װעט העלפן, פירן צו יידישער אויפקלערונג.

װיל איך פּרואװן אָנצייכענען אַ טייל ליניעס פאַר אַ דרך פון אַ יידיש־װעלטלעכן מענטש. חלילה צו טראַכטן אַז איך בין עפּעס אַ פּוסק־אַחרון! דאָס װיל איך געבן אַ שטופּ.

יום־טובים

קיין שום פאָלק און קיין שום מענטש לעבט נישט אָן יום־טובים. זיי גיבן צו פייערלעכקייט, קדושה, װי יידן רופן דאָס. מאָמענטן װען מע רייסט

איבער די גשמיותדיקע וואַכעדיקייט און מען ציט אויף זיך אַרויף, כאָטש פאַר אַ ווייל, אַן אַנדערע הויט. גאָר אַ גרויסן באַטייט האָבן יום־טובים פאַרן וועלט־באַנעם פון אַ פאָלק, זיי זיינען די בעסטע פאַרעם־אויסדרוקן פון אַ גלויבן אָדער אַן אידיי.

לאָמיר נאָר אַ ליפטער טאָן אונדזערע יום־טובים.

פאַרוואָס האָבן מיר אַוועקגעוואָרפן אונדזער פּסח, דעם שענסטן פון אַלע יום־טובים? לאָמיר פראַוועון פּסח צוזאַמען מיט אַלע יידן, נאָר אויף אונדזער שטייגער, און אונדזער נוסח. ערב־פּסח אויסרוימען דאָס ברויט וואָס געפינט זיך אין דער שטוב. אַן עובדא וואָס מיר קענען איבערגעבן אונדזערע קינדער, זאָלן זיי האָבן די מצווה, אַריינבברענגען מצות, ווייך, קניידלעך און באָבעלעך, כרעמזלעך. האַרטע אייער מיט זאַלץ־וואַסער ביים סדר־מאַלצייט, חרוסת, מצה מיט כריין. מיר קענען אויך האָבן באַזונדער שיין געפעס, כוסות און טעפלעך, וואָס מיר נוצן נאָר לכבוד פּסח, נישט צוליב חמצדיק און יומטובדיק, נאָר צוליב דער פייערלעכקייט פון גרעסטן יום־טוב. ביי די אָרעמסטע פון אונדזערע עלטערן האָט אַרויסגעשיינט פון די געשלאָסענע שייבנשענקלעך דאָס שיינע פּסחדיקע געפעס. מיר קענען זיך דאָך אַוודאי פאַרגינען דאָס פאַרגעניגן.

איך זע אַז איר פרעגט שוין — און די הגדה? נו, מיר האָבן אַ פרעכ־טיקע הגדה. די דריטע סדרים האָבן אין משך פון יאָרן אַרויסגעברענגט אַ נייע, שיינע הגדה, איר תמצית איז גאָרנישט ווייניקער שיין און רייך ווי די הגדה פון די פרומע. נעמט, למשל, אַזאַ ליד וואָס מיר זינגען ביים דריטן סדר. איך גיב דאָ דעם גאַנצן טעקסט, מחמת דאָס איז אַ געטרייע אילוס־טראַציע צו מיינע ווערטער, איך מיין נחום יודס ליד „יידן“.

יידן, פּרעה און מצרים,
ליים און ציגל, שקלאַפעריי,
נאָך דעם משה און באַפרייאונג,
אַ געשיכטע אייביק ניי.

לאַנג, שוין לאַנג, נישטאָ איז פּרעה,
אונדזער אַלטער, בייזער פיינט.
נאָר אַמאַליקע געפאַרן,
לויערן אויף אונדז נאָך היינט.

שטענדיק מדבר אונדז אַנטקעגן,
און אַ היטער אונדז — דער ים!
נאָר מיר וועלן אויף די וועגן
איבערקומען יעדע צאַם.

איז פאַר אונדזער פאָלק דעם גרויסן,
און פאַר אונדזער אייביק זיין,
העכער, העכער הייבט די כוסות
און מיט שמחה טרינקט דעם ווין.

איז, זאָגט אַדרבא, איז דאָס נישט דער שענסטער אויסדרוק פון יציאת־מצרים, פול מיט בטחון פאַר אונדזער הײנט, פאַר אונדזער נצח, דעם „אייביק זיין"? און אָט זע איך אין אַ הגדה צום דריטן סדר, אַ קליינעם טעקסט פאַר יונגע קינדער, וואָס אויך „גרויסע קינדער" מעגן זאָגן — מ. אַליצקיס פערלדיקע שורהלעך:

צום סדר איז דער טיש געגרייט,
די לאָמפּן פול מיט שיין.
מיט אַ פינקלדיקער פרייד
לויכט אין כוס דער ווין.

קענען זיך אָט אַזעלכע טעקסטן פאַרמעסטן מיט „חד־גדיא"? איך קען נישט דאָ געבן טעקסטן פאַר אַ פולער הגדה. איך בין בטוח אַז מיט דער צייט וועט זיך אין שטוב פון יעדן וועלטלעכן ייד געפינען אַזאַ הגדה. זאָלן נאָר יידן וועלן, זאָל מען נאָר נישט אָפּקומען מיט שיינע רייד בלויז, וועלן זיין וועלטלעכע סדרים, פול מיט שיין, מיט פינקלדיקער און לויכטנדיקן ווין.

***

פאַרוואָס נישט פּראַווען שבועות? בפירוש דעם יום־טוב פון מתן־תורה, ווען יידן האָבן באַקומען אַ תורה. תורה — הייסט לערנען. לערנען ווי אַזוי צו זיין גוטע און אײדעלע מענטשן, נישט קיין גרוביאַנעס, לערנען — מחמת לערנען דערהייבט, מאַכט דעם מענטשן איידל און גוט. לערנען אַלע מאָל! „הוי קבע עיתים לתורה", לערנט דער פּרק, מאַך דיר אַ באַשטימטע צייט צו לערנען. רייס אַוועק אַ שעה אין טאָג, אין אָוונט, און זעץ דיך לערנען, לייענען, ווי פאַריאָגט דו זאָלסט נישט זיין. ווילסטו, לערן תנ"ך, גמרא. — ווילסטו — לייען אַ בוך, פּאָעזיע, עסייען. לערן! יידן האָבן נישט געדאַרפט קיין געזעץ פאַר צוואַנג־שול־בילדונג. דורכן סידורל, דורכן חומש איז דאָס יידישע פאָלק געוואָרן אַ „גראַמאַטנע" פאָלק. צו דעם קומט נאָך צו דאָס אויספּוצן די שטוב מיט גרינס, מיט בלומען. די מילכיקע מאכלים, קרעפּלעך מיט קעז. וועלטלעכע יידן האָבן פונקט אַזוי ליב פיינע מאכלים ווי פרומע.

דאָס אַלץ גיט צו אַ באַזונדערן טעם דעם יום־טוב.

***

ראש השנה, יידיש ניי־יאָר. מיט ווינטש־קאַרטלעך צו קרובים און פריינד. לשנה־טובה! — אַ גוט, געזונט יאָר דיר! מיט האָניק צו דער

סעודה, מיט קוילעטש. (אַט האָבן רוסן אַן אַנדער ניי־יאָר, מוסולמענער אַן אַנדערן. אַלץ איינס, גלייביקע צי נישט־גלייביקע, ס׳איז אַ פאָלקס־ענין. מען סאָלידאַריזירט זיך אויף אַזאַ אופן מיטן אייגענעם פאָלק...).

***

חנוכה! צו דעם זיינען מיר דאָך גאָר מחותנים! אַ יום־טוב ווען מען פייערט קאַמף קעגן אַסימילאַציע. קאַמף קעגן אויפגעצוואונגענער אַסימי־לאַציע — אַוודאי און אַוודאי! קעגן פאַרלייקענען די אייגענע קולטור און פאַרשווינדן. אַט פירן אויך היינט רוסישע יידן אַזאַ קאַמף, ווער מיט גיין אין שול אַריין, ווי אַ דעמאָנסטראַציע, ווער מיט דערקלערן אָפן — הגם ס׳איז „נישט איבעריק געזונט" — די יידישע שפּראַך ווי אַ מוטער־שפּראַך.

איז שאַפט זיך איין שיינע חנוכה־לעמפּלעך, ווי דאָס האָבן געטאָן אונ־דזערע זיידעס און טאַטעס, צינדט חנוכה־ליכט. זאָלן טאַטע־מאַמע און קינ־דער זינגען דערביי, שיינע יידישע חנוכה־לידער. זיי זיינען אַזוי שיין ווי דער „מעוז־צור" און זיינען יידיש. און אויך חנוכה־געלט, שפּילן מיט די קינדער אין דריידל, לאַטקעס, אַן עוצר פון אַ פאָלקס־יום־טוב.

בר־מצווה

מיר זינדיקן לגבי אונדזערע זין ווען מיר נעמען זיי צו אַט די פּייער־לעכע צערעמאָניע, מיר באַגנבענען זיי פּשוט און ס׳איז אַן עבירה. וואָס האָבן מיר זיי געגעבן שטאָט דעם? דאָס פּראַווען דעם 13טן געבורטנטאָג האָט נישט קיין טעם און קיין ראַם. אין אונדזערע לענדער איז דאָך יעדער גע־בוירנטאָג אַ גאַנצער צימעס, מה קאָ משמע לן דער דרייצנטער? דער זעלבער טומל, די זעלבע מתנות, די זעלבע „ספּיטשעס" (ביי טייל יידן וואָס מאַלפּעווען נאָך פרעמדע מנהגים — די זעלבע ליכטלעך).

פּראַוועט בר־מצווה דורך דעם בחור, ער זאָל פאַרשטיין אַז פון איצטער אָן ווערט ער ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין יידישן ציבור, אין דער יידישער עדה. פון איצטער אָן הייבט ער אָן טראָגן די אחריות פאַר זיינע מעשים ווי אַ ייד. גרייט צו דעם בחור לאַנגע חדשים פריער, ער זאָל קענען אַלע אַספּעקטן פון יידישן לעבן. וואָס איז אַ פרומער ייד? וואָס מיינט אַ וועטלעכער ייד? וואָס מיינט אַ חסיד? ווער לייגט תפילין? (דו אַליין לייגסט דאָך אויך נישט, אמת?), לאָז אים אַדורכגיין אַ קיצור פון יידישער געשיכטע. דערציייל אים וואָס האָט געמיינט קידוש־השם, פּדיון־שבויים? וואָס מיינט קידוש־העם?

איך האָב געזען וועלטלעכע בר־מצוות וואָס האָבן מיר אויסגעוויזן אַ סך יידישער — איך האָב שיעור נישט געזאָגט רעליגיעזער — פייערלעכער, ווי די אַזוי־גערופענע רעליגיעזע. די בחורים האָבן געליינט אויף יידיש, הויך מיט אַ ניגון, פראַגמענטן פון יחזקאל, ירמיהו, מיכה, עמוס און אפילו קאַ־פּיטלעך תהילים. עס זיינען נישט געהאַלטן געוואָרן קיין „ספּיטשעס", קיין

חניפהדיקע דברים בטלים. קוים אַ פּאָר ווערטער פון טאַטן אָדער פון אַ גאַסט. אַ פיינע סעודה. משקה און יידישע לידער ביים טיש. ס׳האָבן דעם בר־מצווה־בחור אויך נישט געפעלט קיין מתנות און די פאַרבעטענע געסט האָבן זיך געפילט יידיש דערוואַרעמט.

פונקט אַזוי קען מען אויך פּראַווען בת־מצווה.

אַנדערע סימנים

קלאַפּ אָן אַ מזוזה ביי דיין טיר. אין דרויסן, אויפן רעכטן ביישטידל. אויב אַ ייד וועט דיך זוכן, זאָל ער נישט בלאָנדזשען נאָר מיט אַ גרינג געמיט אָנקלאַפּן אין דיין טיר. פאַר אַ פרומען יידן איז די מזוזה אַ געבאָט, אַן עשה, ווי אַנדערע מצוות. פאַר אַ וועלטלעכן יידן איז עס אַ נאַציאָנאַלער סימן — דאָ וואוינט אַ ייד!

יאָרצייט נאָך אַ קרוב

צינד אָן אַ ליכט אין אָונט, פאַר אַ צייכן אַז מען געדענקט דעם וואָס איז אַוועקגעגאַנגען. אויב דו האָסט קינדער דערמאָן פאַר זיי די מעלות און גוטע מידות פון פאַרשטאָרבענעם. עפּעס גוטס קען מען געפינען ביי יעדן מענטשן. זכרונות זיינען יעדן איינעם טייער.

געטאָ-אויפשטאַנד געדענק-טאָג

היט אָפּ דעם געדענק־טאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, דעם 19 אַפּריל אָדער כ״ז ניסן ווי דו קלייבסט דיר אויס. דאָס איז אַ טאָג צו גע־דענקען די זעקס מיליאָן קדושים און טהורים וואָס זענען אומגעקומען בימי אונדזער גרעסטן חורבן. צינד אָן זעקס ליכט. גיי נישט אין קינאָ אָדער טעאַטער. אויך קיין שום אַנדערע פאַרוויילונג. עפן נישט די טעלעוויזיע, הער נישט קיין ראַדיאָ. לייען מיט דיין משפחה קאַפּיטלעך „איכה״ פון אונדזער לעצטן חורבן. אויב אין דער שטאָט וואו דו וואוינסט ווערט אָר־גאַניזירט אַ געדענק־אָונט, פאַרפעל נישט צו גיין אַהין, נעם מיט דיין משפחה.

דערציאונג פון די קינדער

רעד מיט דיינע קינדער נאָר יידיש. יידיש לשון איז דער סימן מובהק פון יידישער אַנדערשקייט און פאָלקישער אַנגעהעריקייט. שוין דורך דעם לשון איז ער כורת־ברית מיט די יידן פון גאָר דער וועלט.

רעד דיר נישט איין אַז דאָס איז גרינג. כל־זמן דאָס קינד איז קליין איז דאָס גרינג: מען רעדט מיט אים נאָר יידיש, ס׳ווערט אַ נאָרמאַלע, פּשוטע רגילות, מוטער־שפּראַך. אַז דו וועסט דאָס אָפּהיטן, ווי אַ פרומער ייד היט אָפּ נישט צו עסן קיין חזיר, וועסטו באַלוינט ווערן מיט דעם נחת, אַז דיין

זון אָדער דיין טאָכטער וועט פאַרשטיין און רעדן לשון יידיש, מיט דיר, מיט דיין משפחה און מיט אַלע יידן.

***

לערן דיינע קינדער, געוואוין זיי פון דער פריסטער יוגנט אָן צום כל ישראל ערבים זה בזה. טוט אַ ייד עפּעס שלעכטס, עפּעס אַ מיאוסע זאַך, ווערט עס פאַררעכנט אויפן חשבון פון אַ גאַנצן יידישן כלל. טוט ער גוטס, אויך אַזוי. גוטס — נישט אַלע מאָל, שלעכטס — אַלע מאָל.

מחמת דעם וואָס שוין איבער 2000 יאָר אַז מיר לעבן צווישן אַנדערע פעלקער און זיך געהיטן צו טאָן שלעכטס כדי נישט צו ברענגען קיין אומ־גליק אויפן כלל און אַזוי אַרומעט אויך זיך אַליין. דאָס האָט גורם געווען אַז ס׳זיינען נישט געווען אַזויפיל מערדער צווישן יידן, שענדער און אַנדערע מיאוסע ברואים. דאָס דאָזיקע איז אַריינגעוואַקסן אין אונדזער הויט און מיר דאַרפן דאָס אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ לעולם ועד.

צו וועלכער פּאַרטיי דו זאָלסט נישט געהערן, צו וועלכער באַוועגונג, זאָלסטו נישט לערנען דיין קינד פיינט האָבן אַן אַנדערן ייד וואָס איז נישט ווי דו. אַפילו אַז דו ביסט אַן אַטעיסט, לערן אים נישט פיינט האָבן אַ ייד וואָס גייט אין שול אַריין, וואָס איז פרום אַפילו ווען ער וויל ביי אים נישט טועם זיין גאָרנישט. מחמת דיין שטוב האַלט נישט פון כשרות. מיר זיינען אַ פאָלק ווי אַנדערע פעלקער און ס׳מעגן זיין ביי אונדז פאַר־שיידענע שיטות, חברות, שולן און באַוועגונגען. פרומע און נישט־פרומע, מאמינים און כופרים, סאָציאַליסטן און בורזשויען, בונדיסטן, ציוניסטן און אַפילו קאָמוניסטן. אַבי דער מענטש איז נישט קיין רשע, אַבי ער לעבט ערלעך און לאָזט אַנדערע לעבן במנוחה, שעצן מיר אים און האָבן פאַר אים דרך־ארץ.

דאַרפן מיר האָבן אַ וועלטלעכן שולחן-ערוך?

פון ח. ש. קאַזדאַן

אַ נייער שולחן-ערוך?

חבר אַלעקסאַנדער האָט זיך פאַרמאָסטן צו שאַפן אַ „פּראָיעקט פון אַ קיצור שולחן ערוך פון אַ וועלטלעכן ייד". פאַראַן נאָך אַזעלכע בעלנים צווישן וועלטלעכע יידן, אָבער מ. אַלעקסאַנדער האָט גע־וואָגט. אמת, אין טעקסט פון זיין אַרבעט איז ער אַ סך באַשיידענער, דאָ רעדט ער נאָר וועגן „פּרוואוון אָנצייכענען אַ טייל ליניעס פאַר אַ דרך פון אַ יידיש־וועלטלעכן מענטש".

אין דעם טראַדיציאָנעלן שולחן ערוך פון ר׳ יוסף קאַרו „האָט זיך קריס־טאַליזירט — שרייבט ש. דובנאָוו — אין אַ לעצט־גילטיקער פאָרעם די רבנישע פּראַקטיק פון דער לעצטער תקופה: די רעליגיעזע צערעמאָניעס, דער ריטואַל, דאָס פאַמיליע־רעכט און דאָס ציווילע רעכט... שפּעטער האָט דער ראש פון די פּוילישע רבנים ר׳ משה אויסערליש (דער רמ״א) אים איינגעפּירט אין פּוילן און דערביי צוגעגעבן תיקונים און הוספות לגבי יענע מנהגים וואָס זיינען געוועזן אָנגענומען ביי די אשכנזים, און דער ספרדי ר׳ יוסף קאַרו האָט זיי ניט גענומען אין אַכט... ר׳ משה אויסערליש האָט זיך געשטעלט דערויף, וואָס דער מחבר ווי אַ ספרדי, האָט בישט גענומען אין אַכט די פּסקים פון אַשכנזישע גדולי ישראל און האָט אויך אויסן געלאָזן אַ סך מנהגים פון די פּויליש־דייטשע קהילות״.

דער שולחן ערוך, הייסט עס, איז געווען אַ שאַפונג פון דורות. עס איז געווען די פאַרסך־הכלונג פון דער רעליגיעזער פּראַקטיק פונעם פשוטן יידן פון אַ גאַנץ יאָר און אויך פון די רבנים און גדולי הדור.

דער שולחן ערוך האָט זיך גערעכנט מיט די באַזונדערע מנהגים וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט ביי די אשכנזישע יידן צום אונטערשייד פון די ספרדישע. מ׳האָט דעם שולחן ערוך אַ סך מאָל איבערגערעדאַגירט, צוגע־געבן דערגאַנצונגען און הוספות. אין אים איז געלעגן אַ גרויסע קולטור־נאַציאָנאַלע ענערגיע און שעפערישקייט.

איז נאַאיוו צו גלויבן אַז די פירער פון די היינטיקע וועלטלעכע יידן, וואָס זיינען צעוואָרפן איבער גאָר דער וועלט, זיינען ביכולת און צוגעגרייט צו פאַרמעסטן זיך אויף אַ נייעם וועלטלעכן שולחן ערוך. נאָך עפּעס: אַחוץ די יידישיסטיש־וועלטלעכע יידן זיינען דאָך דאָ גרויסע שיכטן יידן וואָס רעדן ניט קיין יידיש. אָבער זיי זיינען אין תוך וועטלעכע מענטשן, און מע דאַרף גאָרניט איראָניזירן, אַזוי ווי אַלעקסאַנדער טוט עס: אַז זיי פילן זיך „באַפרייט פון אַלע (רעליגיעזע) עולן, אַלע אַבערגלויבנס און זאַבאַבאָנעס״. זיי זיינען מענטשן פון הייטנציייטיקער קולטור און וויסנשאַפט, זיי גלויבן ניט אין אַז די תורה איז געגעבן אויפן באַרג סיני און יעדער וואָרט אין איר איז הייליק. דאַרף אַ נייער וועלטלעכער שולחן ערוך האָבן אין זינען אויך אָט דעם טיפּ אינטעליגענץ און בירגערטום. ווער קען זיך פאַרמעסטן צו שאַפן אַ שולחן ערוך פאַר די אַלע וועלטלעכע עלעמענטן אין יידנטום? אַזאַ שולחן ערוך קאָן קומען נאָר ווי אַ פּועל יוצא פון לאַנג־יאָריקער פּראַקטיק און עקספּערימענטירונגען. התחלות פון דעם מין זעען מיר טאַקע אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר ביי די יידישיסטיש־וועלטלעכע עלעמענטן און אויך ביי די קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרם־יידן, ווייל אויך די לעצטע זיינען נאָר אין אַ קליינעם פּראָצענט רעליגיעז, בעיקר זיינען זיי וועלטלעך און זיי פּרואוון אויך ביי זיך איינשטעלן אַ וועלטלעכן צערעמאָניאַל וכדו׳.

דאָס פּראָבלעם פון שבת

לאָמיר זיך אָפּשטעלן און עפּעס לערנען פון אַ פּאָר זאַכן, וואָס אַלעק־סאַנדער האָט ניט אַריינגענומען אין זיין שולחן ערוך. ערשטנס: שבת. ער באַגייסטערט זיך פון קנײדלעך און כרעמזלעך, פון לאַטקעס און המן־טאַשן. אָבער ער נעמט ניט אַריין שבת. און פאַרשטענדלעך פאַרוואָס: גרעסערע רבנים און ראַבאַיס אין אַמעריקע קענען זיך ניט קיין עצה געבן מיטן שבת. גיי מאַן אין נ״י, מע זאָל שבת ניט נוצן די אונטערערד־באַן, די באַסעס, די קאַדילאַקס, דעם עלעווייטאָר און טעלעפאָן. גיי פיר איין שבת־רו, פאָדער אַז אַלע זאָלן קומען אין סינאַגאָגע און זיך באַטייליקן אין די שבת־תפילות און צערעמאָניעס. די רבנים און ראַבאַיס זיינען גרייט צו האַלטן ענטוזיאַסטישע דרשות וועגן דער הייליקייט פון שבת, וועגן דער גרויסער נאַציאָנאַלער אידייע פון שבת, — אָבער צי פאַרענדיקן זיי זייערע דרשות מיטן אָנזאָג: איר זאָלט ניט קאָכן אום שבת, ניט רויכערן אַ סיגאַ־רעט, ניט האַלטן אָפן די געשעפטן? ניין, זיי ווייסן אַז דאָס זיינען אַרויס־געוואָרפענע רייד. אויך אַלעקסאַנדער ווייס עס און דערפאַר נעמט ער ניט אַריין שבת אין זיין שולחן ערוך. עס פעלט אים גאָרניט איין צו גלויבן אַז ער קען מיט דער הילף פון זיין שולחן ערוך איינשטעלן שבת ווי אַ טייל פון יידישן לעבנשטייגער.

דאָס זעלבע ראש השנה. אויך דאָ — ווינטשקאַרטלעך, „האָניק צו דער סעודה, מיט קוילעטש״, און דאָס איז די גאַנצע מיסטיק פונעם ראש השנה מיטן מחזור און שופר. אַלעקסאַנדער וויל בלייבן וועלטלעך, אָבער מיט אַ מאָל קלאָגט ער זיך וואָס „אונדזערע זין און טעכטער וואַקסן אויף אין הייזער אויסגעליידיקט פון יעדער רעליגיעזער פאָרעם און רעם״. ער זאָגט: „גאָר אַ גרויסן באַטייט האָבן יום־טובים פאַרן וועלטבאַנעם פון אַ פאָלק, זיי זיינען די בעסטע פאָרעם־אויסדרוקן פון אַ גלויבן אָדער אידייע״. אין נאָמען פון וועלכען גלויבן? פון וועלכער אידייע? פאַרט זיך וועלטלעכקייט מיט „רעליגיעזער פאָרעם און רעם״?

אָט דער ווידעראַנאַנד נעמט זיך פונעם פאַלשן צוגאַנג, אַז מיר קענען מיט אונדזער אויטאָריטעט איינשטעלן און אַרויפצווינגען אַ וועלטלעכן שולחן ערוך. זאָלן נאָר קומען קלוגע איינפאַלן פון די גדולי היידישיסטישן דור, און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג, עס וועט זיך אָנהייבן אַ נייע ערע אין יידישן לעבן. עס איז פאַלש צו גלויבן, אַז מיט גוטע, שיין־אויסגעדריקטע „דעקרעטן״ קען מען פון אויבן אַרויפצווינגען אויף די עולמשע יידן צו זיין גוט און פרום און צו פאָלגן וואָס די אַלעקסאַנדערס הייסן.

דאָס גאַנצע פאָלק דאַרף נעמען אַן אָנטייל

עס מוז קומען פון פאָלק גופא. און מיר זעען טאַקע, ווי געוויסע וועלטלעכע צערעמאָניאַלן ווערן געשאַפן פאַר אונדזערע אויגן דורכן עולם

אַליין. דער בעסטער באַווייז איז: דער דריטער סדר מיט דער נייער הגדה. דאָ האָט ניט אַלעקסאַנדער וואָס מחדש צו זיין. און דאָס לערנט אונדז, אַז די פּרואוון פון אַ נייעם היינטוועלטיקן, ניט־רעליגיעזן צערעמאָניאַל מוזן טראָגן אַ קאָלעקטיוון כאַראַקטער, נאָר בציבור קענען מיר עס באַווייזן, און מיר זעען: אַזאַ ציבור איז דאָ!

די בר־מצווה־פייערונג האָט אָנגענומען אַ העסלעכן כאַראַקטער, ווייל עס איז געוואָרן אַ זאַך פון יחידים פון אַלרייטניקישע אַמביציעס און השגות. די בר־מצווה־פייערונג, פּונקט ווי עס איז געווען מיטן דריטן סדר, קאָן ווערן גאָר אַנדערש, ווען זי וועט ווערן אַ זאַך פון קאָלעקטיווע פייערונגען, פון בציבורדיקע פּאַרמעסטן מצד די יוגנטלעכע און זייערע עלטערן.

מע דאַרף אויפהערן אַפּעלירן צום יחיד און אַרויפלייגן אויף אים אַן עול פון נייע וועלטלעכע מצוות. דער יידישער יחיד אין היינטיקן לעבן איז אומבאַהאָלפן, ער קען ניט געפינען אין זיך גענוג כוח אַליין צו ענדערן דעם יידישן לעבנשטייגער און אים פאַרוואַנדלען אין כולו־הייליקייט. מצה און כרעמזלעך, חרוסת און זאַלץ־וואַסער! — זיינען אַן אומעטיקער מאַגן־ענין, זיי וועלן ניט אַריינברענגען די באַגייסטערטע באַנייאונג אין ייד. נאָר בציבור, ברוב עם קען דערגרייכט ווערן יום־טובדיקע דערהייבנ־קייט. אונדזערע יידיש־וועלטלעכע שולן האָבן דאָס גוט פאַרשטאַנען און זיך געלאָזן אויפן וועג פון „קאָלעקטיוויזאַציע" פון די יום־טובים. מיר טאָרן ניט מאַכן דעם יחיד פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן המשך פון פאָלק, עס אַנט־שפּרעכט ניט די שטימונגען און שטייגערן פונעם גאַנצן אַרום.

ווען אינעם גרויסן שיינעם זאַל פון וואַלדאָרף אַסטאָריע קומען זיך צונויף טויזנט יידן, און הערן און זעען דעם פאַרלויף פונעם דריטן סדר, אויסגעפירט פון די קינדער און יוגנטלעכע; ווען זיי זאָגן־מיט און זינגען מיט געוויסע טיילן פון וועלטלעכער הגדה, — איז עס אַ דערהויבנדיקער אָוונט, ער ברענגט נאַציאָנאַלן שטאָלץ און באַוואוסטזיין. — איך בין בייגעווען אין אַ רעפאָרמער־טעמפּל, שבועות, די פּראַצעדור און צערעמאָניאַל פון בר־מצווה און בת־מצווה, אויסגעפירט איבער 3־4 צענדליק יוגנטלעכע; זיי האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל, און יעדערער פון זיי האָט רעציטירט אַליין אויסגעקליבענע פּסוקים און קאַפּיטלעך אָדער וועלטלעכע ציטאַטעס, — איז עס געווען אויף 90 פּראָצענט וועלטלעך, און עס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די יוגנטלעכע און אויף דעם גרויסן עולם געסט.

דאָס „שאַפן" יום־טובים צערעמאָניאַלן איז אַ לאַנג־דויערנדיקער פּראָצעס. און געדענקען דאַרף מען: וועט זיין אַ יידיש־וועלטלעכע קולטור־טעטיקייט, וועט ברענען אין די וועלטלעכע קרייזן דער פלאַם פון נאַ־ציאָנאַלן באַוואוסטזיין, פון פרידיקער יידיש־נאַציאָנאַלער שעפערישקייט אויף אַלע פעלדער פון קולטור און גייסט, — דעמאָלט וועט ממילא אויפקומען אַן אָריגינעלער סטיל פון יום־טובים און צערעמאָניאַלן. דער זשעני פון

קהל וועט אַזוינס געבוירן און אַנטוויקלען, און פאַרכאַפּן אַפּילו די פּאַ־
סיווסטע יחידים.

די מוסר־זאַגעריי און די גאַוהשע פּרעטענזיע צו קאָדיפיצירן אַ מאָדער־
נעם שולחן ערוך, קאָן האָבן נאָר אַ נעגעאַטיוון באַטייט, קען אַנשרעקן דעם
יחיד, אים דערדריקן.

וואָס זאָלן מיר איצט טאָן?

פון שלמה סיימאָן

אַלע זיינען מודה אין דער ירידה פון דער סעקולערער יידישיסטישער
באַוועגונג בכלל און פון דער יידישיסטישער שול־באַוועגונג בפרט.

יעדער איינער גיט זיין רפואה און תרופה צו דער מחלה. איינער
מוסרט הלמאַי מיר האָבן ניט קיין טאָג־שולן, אַן אַנדערער הלמאַי מיר פייערן
ניט קיין יידישע יום־טובים און שבת אין אונדזערע שולן (וואָס איז ניט
אמת). אַן אַנדערער האָט טענות צו די יידישיסטישע עלטערן הלמאַי זיי
וויזן ניט אַרויס געגוג אינטערעס צו געבן זייערע קינדער אַ יידישיסטישע
דערציאונג; און נאָך מער, פאַרוואָס זיינען די היימען אויסגעליידיקט פון
יידישן אינהאַלט. נאָך איינער באַטאָנט אַלע מאָל אונדזער מאַטעריעלע
אָרעמקייט. פאַראַן גאָר אַ גרויסע צאָל יידישיסטישע טוערס, שרייבערס און
טעאָרעטיקערס, וואָס טענהן, אַז וועלטלעכקייט איז באַנקראָט און מיר דאַרפן
ווערן פרום און זהירים במצוות. מיר זיינען פאַרלאָרענע. מיר דאַרפן תשובה
טאָן. עפּעס ווי פרומקייט און בלינדע אמונה וואָלטן געווען נאָר אַן ענין פון
מאָדע.

עס וואָלט געווען כדאַי זיך אָפּצושטעלן באַריכות אויף די טענות און
פּאַליאַטיוון פון די טענות־האָבערס און רופאים. עס איז אָבער אַ צו טיפער
און גרויסער ענין, וואָס קאָן ניט באַהאַנדלט ווערן בקיצור אין איין אַרטיקל.

דערלויבט מיר צו אַרומריידן דעם ענין בקיצור און אָנווייזן אויף דער
עיקר סיבה פון אונדזער דורכפאַל, וואָס כל זמן, לויט מיין מיינונג, זי וועט
ניט באַזייטיקט ווערן, וועט דער מצב פון אונדזער באַוועגונג קיינמאָל ניט
פאַרבעסערט ווערן. אַלע צרות אונדזערע נעמען זיך ווייל מיר וואַגן ניט
קוקן דעם אמת אין די אויגן.

עס פעלט אונדז יידישקייט

אונדזער וועלטלעכקייט איז דער פּועל יוצא פון דער השכלה, וואָס איך
האַלט איז געווען, און איז איצט, איינע פון די גרעסטע פּאָזיטיווע דער־
שיינונגען אין אונדזער לעבן. אָן השכלה וואָלטן מיר געבליבן אַ פאַרגלי־
ווערטע סעקטע און געשפּילט איצט אַזאַ ראָלע אין דער וועלט ווי די

שומרונים פון איצט. אָן השכלה וואָלט ניט געווען קיין יידישע ליטעראַטור, העברעאישע ליטעראַטור, מדינת ישראל, איצטיקע פרומע ישיבות אין אַמעריקע, וואָס מען לערנט אין זיי סעקולאַרע לימודים. עס וואָלט ניט געמאָלט זיין דער אוניווערסיטעט אין ירושלים, דער פרומער בר־אילן אוניווערסיטעט און אַוודאי און אַוודאי ניט דער ישיבה־אוניווערסיטעט דאָ אין ניו־יאָרק. אָבער מיר, די וועלטלעכע יידן, וואָס האָבן אויף זיך גענומען צו פאַרקערפערן, צו רעאַליזירן השכלה־וועלטלעכקייט אין יידיש לעבן, זיינען געבליבן פאַרגליווערט, פאַרשטיינט מיט די באַגריפן פון דער אור־השכלה. ראשית האַלטן מיר זיך אַלץ ווי נאָר אַן אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע, וואָס האָט אויף זיך גענומען די פונקציע צו קעמפן קעגן דעם רעגאַריסטישן לעבנס־שטייגער פון דער פונדאַמענטאַליסטישער אמונה. מיר קעמפן נאָך אַלץ קעגן דעם בייזן, שטרענגן פרומען טאַטן און קעגן דעם רבין אין חדר, וואָס האָט געהאַט איין תירוץ אויף אַלע פראַגעס וועגן יידישקייט — אַ פּלעם אין באַק. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז מיר האָבן געהאַט יידישקייט ממש צופּיל און עס האָט אונדז געפעלט וועטלעכקייט. היינט איז שוין פאַרקערט: מיר האָבן וועלטלעכקייט איבער געניג און עס פעלט אונדז יידישקייט. ווי מען דערמאָנט אונדזערן אַ יידן: בית־מדרש, דאַוונען, שבת, יום־טוב, פאַרבינדט ער עס באַלד אין געדאַנק מיט דער פרומער יידישקייט פון שטעטל, פון וואָס ער איז אַנטלאָפן.

וויבאַלד, אַז מיר האַלטן זיך נאָך אַלץ ווי אַן אָפּאָזיציע, דאַרפן מיר ניט קיין פראָגראַם פאַר יידישקייט. אונדזער פראָגראַם איז „ניט". ניט אָפּהיטן קיין שבת, ניט האָבן קיין בית־מדרש, קיינע מצוות און קיין דרך פאַר אונדזער יידישקייט. אָט בולטסטן שפּיגלט זיך עס אָפּ אין „פראָגראַם" פון אונדזערע שולן, אין אונדזער דערציאונגס־סיסטעם. אַ דערציאונגס־סיסטעם דאַרף פאַר זיך האָבן אַ באַשטימטן ציל און אַ צוועק. די „פּאַבליק שול", די רעגירונג־שול, האָט פאַר זיך אַ טאָפּלטן צוועק. איר ציל איז ערשטנס צושטעלן דעם פאַסיקן פּערסאָנאַל פאַר די עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון איר ציוויליזאַציע. און נאָך אַ צוועק, באַקאַנען די קינדער מיט דער געשיכטע פון דעם לאַנד און געבן זיי ביז אַ געוויסן גראַד אַ באַקאַנטשאַפט מיט דער וועלט־ליטעראַטור בכלל און מיט דער נאַציאָנאַלער קולטור בפרט. די עלעמענטאַרע שול, גרייט צו קינדער פאַר דער מיטלשול, גרייט צו די קינדער פאַר די קאַלעדזשעס וואו יעדער יוגנלינג קלייבט אויס זיין פראָפעסיע און זיין עקאָנאָמישן באַרוף. די פאַכשולן (טרייד־סקולס) האָבן זייער באַגרענעצטע עובדה.

וואָס איז אונדזער פראָגראַם?

יידישע שולן האָבן ניט, סיי אין דעם אַמאָליקן חדר און סיי אין די איצטיקע שולן, קיין פראַקטישע צוועקן. דער חדר האָט געהאַט די עובדה צו מאַכן יידישע קינדער אַקטיווע יידן און די ישיבה — צו שאַפן אַ יידישע

אינטעליגענץ. אין תוך זיינען עס ממשיך אַלע יידישע שול־באַוועגונגען אַחוץ מיר די יידישיסטישע וועטלעכע שולן. אַן אָרטאָדאָקסישע תלמוד־תורה איז אויסן אויסצולערנען דאָס קינד דאַוונען און זיך באַקאַנען מיט די פונדאַמענטאַלע מנהגים פון יידישקייט, אַזוי, אַז דאָס קינד וועט ווען עס וועט אויסוואַקסן, זאָל קאָנען ווערן אַ מיטגליד אין דער אָרטאָדאָקסישער שול, אָדער קהילה. דאָס איז אויך דער צוועק פון די נעאָ־אָרטאָדאָקסן, קאָנסער־וואַטיסטן, רעפאָרמערס און אויך די העברעאיסטישע־ציוניסטישע נאָכמיטאָג־שולן, זיי גרייטן צו צוקונפטיקע ציוניסטן אָדער עולים קיין ישראל. עס איז ניט וויכטיק צי זיי געלינגט עס אַביסל אָדער אַ סך. דער עיקר איז, אַז אויב אַ קינד וויל דערנאָך ווערן אַן אַקטיוועד ייד אויף דעם דרך וואָס מען האָט געלערנט, האָט ער דערנאָך וואוהין צו גיין, זיך צוטוליען. חוץ דעם גיט אים די שול אַ פאָרעם פון יידישקייט, אַוודאי אַ קאָנפאָרמיסטישע פאָרעם, אָבער דאָך אַ דרך. אָבער וואָס איז די פּראָגראַם פון אונדזער שול? פאַרוואָס און אויף וואָס גרייטן מיר אים? איך רייד דאָ ניט, וואָס אונדזערע קינדער ענדיקן מיט קליינע ידיעות. זאָל זיין אַז עס וועט געשען אַ נס און מיר וועלן עפענען טאָגשולן און אונדזערע קינדער וועלן קאָנען יידיש ווי אַ וואַסער. נו, נאָכדעם ווען זיי וועלן חתונה האָבן און האָבן אַליין קינדער און זיי וועלן ערגעץ וואו זיך צוטוליען צו אַ יידישער קהילה, וואוהין זאָלן זיי גיין, וויטער ממשיך זיין זייער ספּעציפישן יידישיזם? די אָר־טאָדאָקסישע קהילות און שולן, די רעפאָרמערס מכל המינים, אַלע יידישע וועלטלעכע אינסטיטוציעס און רעליגיעזע פון וועלכער עס איז שאַטירונג זיינען ווייט פון יידיש און נאָך ווייטער פון אונדזער וועלט־באַנעם. ווערן אונדזערע קינדער מיטגלידער אין אָט די דאָזיקע אינסטיטוציעס און אַלץ וואָס זיי קאָנען דאָרטן אויפטאָן איז איינלאַדן אַ מאָל אַ רעדנער, ער זאָל ריידן וועגן דער יידישער ליטעראַטור, אָדער זינגען בציבור, אָדער אַליין, אַ יידיש ליד. אָט וועל איך אייך געבן אינפאָרמאַציע וועגן זיך אַליין. מיינע קינדער האָבן אַלע געקאָנט גוט יידיש. מיין זון האָט געקאָנט שרייבן און לייענען יידיש איידער ער האָט געקאָנט שרייבן און לייענען ענגליש. דאָס זעלבע מיט די טעכטער. און איצט? וואו האָבן זיי געקאָנט אויסנוצן זייער יידיש? צו וועלכע קהילות האָבן מיינע קינדער געקאָנט באַלאַנגען כדי ממשיך זיין זייער סעקולאַרע יידישע דערציאונג? יאָ זיי האָבן אַמאָל ביי זיך אין הויז אַ ספּעציעלן יידישיסטישן אָוונט, ווען עס קומען זיך צונויף געוועזענע תלמידים און תלמידות פון די שלום־עליכם פאָלקס־שולן און אַרבעטער־רינג. מען לייענט פון דער יידישער ליטעראַטור, מען זינגט יידישע לידער און מען שפּילט פלאַטן מיט יידישע לידער. „ביג דיל!" אַ גרויסער אויפטו! שוין איינמאָל אַ גייסטיקע ירושה איבערצוגעבן זייערע קינדער!

יידישקייט איז ביי אונדז אַן אַבסטראַקציע, וואָס איז צו גאָרנישט ניט מחייב. לאָמיר נעמען איין ביישפּיל. מיר באַזינגען אין ליד און באַשרייבן אין פּראָזע, מיט גרויס פּיעטעט, דעם שבת. גוט. אָבער וואָס מיינט באמת

שבת פאַר אונדז? איז עס בלויז אַ רו־טאָג? פאַרוואָס ניט רוען זונטיק? איז עס בלויז צוליב קיום, ווי אחד העם האַלט, איז אפשר פאַראַן אַ בע־סערער מיטל פאַר קיום — אַ שטאַרקע אַרמיי אין מדינת ישראל. איז אָבער שבת ביי אונדז עפּעס מער ווי אַ טאָג פון רו, איז שבת ביי אונז אַ טאָג פון דערהויבונג, אַ טאָג פון איבערוועקסלונג פון וואָכיקייט אויף הייליקייט. יעמאָלט איז שבת אַן אייגנאַרטיקע יידישע אינסטיטוציע פון גרויסע ווערטן. אויב יאָ, איז אויף וואָס פאַר אַן אופן זאָלן מיר אים אָפּהיטן? פשוט גערעדט — איז פאַראַן אַזאַ זאַך וואָס מען טאָר ניט טאָן אום שבת? נאָך מער, אויף וואָס פאַר אַן אופן זאָלן מיר פייערן דעם שבת? לאָמיר פאַר־געסן אַלע שיינע רייד און ליטעראַרישע מליצות. לאָמיר צו ערשט קומען צו אַ געוויסע הסכמה, וואָס דאַרף אַ ייד טאָן כדי ער זאָל האָבן דאָס געפיל פון חילול־שבת...

מיר דאַרפן אַ בית־המדרש

נאָך עפּעס, מיר קאָנען קיין זאַך ניט טאָן, מיר קאָנען ניט מקיים זיין וואָס עס איז פון יידישקייט, מיר קאָנען ניט קאָנקרעטיזירן וועלכן עס איז נוסח פון יידישקייט, סיידן מיר וועלן אָקצעפּטירן דעם בית־מדרש. אָן אַ בית־מדרש קאָן ניט זיין קיין בציבורדיקער יידיש לעבן, און מיר קאָנען ניט שאַפן קיין פאָרעם פון יידישקייט אָן אַ בציבורדיקער היים, וואו מיר זאָלן קאָנען ברענגען אונדזערע קינדער. אָן אַ בית־מדרש איז ניטאָ קיין אָרט וואו זיך צונויפקומען שבת, יום־טוב, אויף אַ משפחה־שמחה, אַ חתונה, אַ בר־מצווה, אין אַ צייט פון פאָלקס־פרייד, אין אַ טרויער־טאָג, עס מאַכט ניט אויס וואָס פאַר אַ פאָרעם דער בית־מדרש וועט ביי אונדז אָננעמען, אָבער פריער פון אַלץ דאַרפן מיר פאַרשטיין די נויטווענדיקייט פון דער אינסטי־טוציע־בית־מדרש, וואָס איז געווען דאָס האַרץ פון יידיש לעבן אין משך פון איבער צוויי טויזנט יאָר.

אָנהייבן די גרויסע רעפאָרעם דאַרפן מיר צו ערשט ענדערן אונדזער גאַנצן שול־וועזן. מיר דאַרפן פאַרמאַכן די אַלע קליינע נעבעכדיקע שולן אונדזערע. אָבער אַלע אָן איין אויסנאַם. אונדזערע שולן מיט איין לערער, אין אַן אייך־צימערדיקן לאָקאַל, איז דער סימן מובהק פון אונדזער צוריק־געשטאַנענקייט און באַוויזן, אַז מיר האָבן גאַרנישט געלערנט פון די נייע תנאים דאָ אין לאַנד. מיר זיינען די איינציקע שול־באַוועגונג, וואָס האַלט זיך נאָך אָן דעם קליינשטעטלדיקן חדר. מיר דאַרפן עפענען גרויסע שולן מיט טראַנספּאָרטאַציע, מיט אַ צאָל לערערס אין יעדער שול. מיר דאַרפן דאָרט לערנען אַ מינימום פון צוויי שעה אַ טאָג נאָכמיטאָג. זונטיק דאַרף זיין דער לאַנגער לערנטאָג. פרייטיק און שבת פריי. אין די זעלביקע בנינים דאַרף זיין אונדזער בית־מדרש און אונדזער קהילה. אויך אַ מיטלשול ביי יעדער עלעמענטאַר־שול. שבת און יום טוב מוז דורכגעפירט ווערן אין די דאָזיקע בנינים אַ צערעמאָניאַל. איך וואָלט עס אָנגערופן אָן שרעק אַ דאַוונען אויף אונדזער אופן.

איך וויס עס פעלן אונדז פונקציאָנערן, עס פעלט אונדז אַ יידישיסטי־שע אינסטיטוציע וואָס זאָל פאַר אונדז צוגרייטן פירערס און וואו מען זאָל קאָנען אויך באַהאַנדלען טעאָרעטישע ענינים בנוגע אונדזער דרך. אָבער עס קאָן זיין, אַז דאָס איז איצט אַ מעלה. אונדזער גאַנצער איבערבוי פון יידישקייט לויט אונדזער שיטה וועט קומען פון אינעווייניק, פון אַליינראַנג־לעניש, פון זוכן, בלאָנדזשען און סוף כל סוף טאַקע געפינען.

לאָמיר זיין רעפאָרמערס

נאָך איין באַמערקונג. איר וועט זאָגן, אַז איך פּרעדיק רעפאָרם־יידיש־קייט. איז ראשית, דערשרעק איך זיך ניט פאַרן טערמין רעפאָרם. איך האַלט, אַז הלוואַי וואָלטן מיר, וועלטלעכע יידן, דערגרייכט די מדרגה פון זיין רעפאָרמערס. אונדז אַרט דאָך גאָרנישט. מיר זיינען מוזיי־יידן. אַלץ זאָל בלייבן ווי געוועזן, אַן אָנדענק ווי יידן האָבן אַ מאָל געלעבט. אָבער מיר דאַרפן ניט מורא האָבן. מיר וועלן ניט ווערן ווי די רעפאָרמערס. ווייל ראשית האָבן מיר אַ יידיש לשון אין מויל און שבית: מיר קומען ניט צוריק צו יידישקייט צוליב באַקוועמלעכקייט. מיר זיינען דאָך ניט קיין זהירים במצוות, וואָס ווילן זיך מאַכן גרינגער מיט רעפאָרמעס. מיר ווילן אָנפילן אונדזער טאָג־טעגלעך לעבן מיט קדושה און אינהאַלט. מיר וועלן האָבן אַ גרויס געראַנגל ביי אָננעמען יעדע קליניקייט, יעדן מנהג און יעדן געבאָט, וואָס מיר וועלן אָננעמען, וועט ביי אונדז זיין אַן אייגענע איבערלעבונג און אַ גרויסע געשעעניש.

עס איז ניט מיין עובדא אין איצטיקן קורצן מאמר צו געבן אַ דעטאַלע פּראָגראַם און טעאָרעטישע באַגרינדונג פאַר אַלץ וואָס איך האָב דאָ אַרויס־געזאָגט. דאָס האָב איך געטאָן אין „תוך יידישקייט” און „אויף אייגענע דרכים” און אין צענדליקער אַנדערע עסייען. דאָ האָב איך געוואָלט נאָר באַטאָנען, אַז אונדזער יידישע וועלטלעכקייט מיינט ניט נאָר נעגאַטיוון. וועלן מיר עס באַנעמען און מיר וועלן זיך ניט שרעקן פאַר אָפּגעלעבטע באַגריפן, קאָנען מיר אַריין אין ברייטן שטראָם פון יידיש־לעבן און ווערן אַ ברכה און באַטייט פאַר אונדזער פאָלק און אַפילו פאַר דער וועלט.

וועלטלעכע יידן און יידישע אַלוועלטלעכקייט

פון משה שטאַרקמאַן

...דאָס דאָזיקע געבאָט, וואָס איך געביט דיר היינט, דאָס איז ניט פאַר־הוילן פון דיר, און דאָס איז ניט צו ווייט. ניט אויפן הימל איז דאָס, אַז דו זאָלסט זאָגן: ווער וועט אונדז אַרויפגיין אויפן הימל און עס נעמען פאַר אונדז... און ניט פון יענער זייט ים איז דאָס... נייערט זייער נאָענט איז דאָס וואָרט צו דיר, אין דיין מויל און אין דיין האַרצן, עס צו טאָן (דברים ל׳, יא—יד, תרגום יהואש).

...אליהו האָט געזאָגט: כ׳בין איינמאָל געגאַנגען פון איין אָרט צו

אַן אַנדערן. איז געקומען איינער און ער האָט זיך אָפּגערופן צו מיר: „רבי, צוויי זאַכן זיינען טיף אין מיין האַרץ, און איך האָב זיי ביידע שטאַרק ליב, די תורה און דאָס פאָלק ישראל, אָבער איך ווייס ווער פון זיי ס׳קומט פריער״. האָב איך אים אַזוי געענטפערט: „די מענטשן זאָגן, געוויינטלעך, אַז די תורה איז פריער פון אַלץ, אָבער איך וועל זאָגן, אַז דאָס הייליקע פאָלק ישראל קומט פריער״ (תנא רבי אליהו).

1.

אַ גרויסער אויפטו

אַז אַ באַוועגונג פירט־דורך אַן אידייאישע רעוויזיע, איז דאָס אַ גוטער סימן און אַ גרויסער אויפטו, — אַ סימן פון אינטע־לעקטועלער ערלעכקייט, און די רעוויזיע איז פאַר זיך גופא אַ גייסטיקע דערגרייכונג. ס׳קומט דערפאַר אַ שבח דער רעדאַקציע פון „קול־טור און דערציאונג״ פאַר דורכפירן דעם סימפאָזיום אויף דער טעמע „וועלטלעכקייט, טראַדיציע, אונדזער יידישקייט״. אין די רעוויזיע־אַר־טיקלען זיינען איינגעגלידערט געדאַנקען, מיינונגען און מאַנונגען, וואָס זאָגן עדות אויף ערלעכע זוכענישן, אויף טיפער זאָרג בנוגע דעם יידישן קיום און אויף יידישער געטריישאַפט בכלל. אי די אָנ־רעגנדיקע, אי די אויפרעגנדיקע מחשבות, וואָס זיינען געקומען צום אויסדרוק אין סימפאָזיום באַווייזן ווי גערעכט ס׳איז געווען דער גרויסער חסידישער מנהיג ר׳ ישראלטשע ריזשינער, ווען ער האָט אַזוי געזאָגט: „אַז אונדזערע יידישע אַפּיקורסים זאָלן וויסן, וואָסערע גלייביקע יידן זיי זיינען, וואָלטן זיי צעפּיקעט געוואָרן פון ערגערניש״. כ׳האָב איבערגעלייענט אַלץ, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך די באַטייליקטע אין סימפאָזיום, און זאָלן דערמאָנט ווערן די אָנטיילנעמערס פאַר באַרייכערן און אויברייטערן דעם יידישן געדאַנק. יישכר כחכם מ. אָליצקי, מ. אַלעקסאַנדער, א. גאָלאָמב, ליאָ האַראָוויץ, מ. וולאַדקאָווסקי, י. ט. זוקערמאַן, יודל מאַרק, יאָסל מלאָטעק, י. נאָסקאָוויץ, אליהו סטאָון, וויליאַם סטוירן, עמנואל פּאַט, שיקל פישמאַן, ח. ש. קאַזדאַן און מאַניע ריינהאַרץ. אַפילו פון די מיינונגען, וואָס איך קען זיי בשום אופן ניט אָננעמען, האָב איך אַ סך געלערנט.

כדי ס׳זאָל קלאָר זיין פאַר די לייענערס ווער ס׳שטייט הינטער די ווייטער־אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען, איז נייטיק אַ קליינע פּערזענלעכע דער־קלערונג: דער שרייבער פון די שורות איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פרום־יידישער און גלייכצייטיק מאָדערן־וועלטלעכער היים. דאָס איז געווען אַ היים, וואו יידישקייט און וועלטלעכקייט האָבן האַרמאָנירט. ווען איך זאָל דאָס ניט געווען שפּעטער לייענען ביי אַנדערע, וואָלט איך ניט געוואוסט, אַז מען פרעגט אָפּ די מעגלעכקייט פון אַזאַ האַרמאָניע. שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן: בלויז רעליגיעזע פאַנאַטיקערס און פאַנאַטישע אַפּיקורסים לייקענען אָפּ די מעגלעכקייט פון האַרמאָניע צווישן יידישקייט און וועלטלעכקייט, — און דורכדעם לייקענען זיי די יידישע היסטאָרישע דערפאַרונג זינט אַברהם

אָבינו ביז יענע היינט־צייטיקע יידישע געלערנטע און פאָרשערס, וואָס די וויסנשאַפטלעכע אמתן און וועלטלעכע אינטערעסן שטערן זיי ניט צו זיין טיף־איבערצייגטע מאמינים. זיי ווייסן, אַז וויסנשאַפט און אמונה דאַרפן ניט באַשטעטיקן איינס דאָס אַנדערע, פונקט ווי אַגריקולטור, למשל, דאַרף ניט באַשטעטיקן די מאַטעמאַטיק, אָדער פונקט ווי אַסטראָנאָמיע דאַרף ניט באַשטעטיקן קיין געשיכטע. דערפאַר איז גערעכט געווען איינשטיין מיט זיין זאָג, אַז די אמונה הייבט זיך אָן דאָרט, וואו די וויסנשאַפט האָט מער ניט קיין ענטפערס.

לויטן יידישן דין מוז מען מאַכן אַ ברכה אַז מען זעט אַ מענטש, וואָס איז גרויס אין וועלטלעכן וויסן: „ברוך אתה... שנתן מחכמתו לבשר ודם".

די שיטה פון וועלטלעכקייט

די שיטה, וואָס רופט זיך „וועלטלעכקייט" איז אַ המשך פון דער השכלה־עפּאָכע. פונקט ווי די השכלה־תקופה האָט זיך פאַרענדיקט נאָכן דערפילן איר שליחות, — און זי האָט פאַרצייכנט גרויסע אויפטוען, ניט געקוקט אויף אַ סך נעגאַטיווע דערשיינונגען, וואָס זי האָט גורם געווען אין יידישן מאַסן־לעבן, — אַזוי האָט זיך שוין אויך געענדיקט דער קאַמף פאַר „וועלט־לעכקייט". רופן איצטער צו אַ קאַמף פאַר וועלטלעכקייט איז פונקט אַזוי אומנויטיק ווי רופן צו אַ קאַמף לטובת השכלה. מיר דאַרפן איצטער צוריק פאַרקניפּן די היסטאָרישע פעדעם, וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן אין די טעג פון נייטיקע און אומנייטיקע קאַמפן. צוריקקערן זיך צו פּאָזיטיווע ווערטן פון עבר, איז ניט קיין רעאַקציע, נאָר אַ גאַנג צו היסטאָרישער פאַרשטענדעניש און פאַרטיפונג. אָן טראַדיציע איז ניט מעגלעך קיין קול־טור, און אָן אַ גייסטיקער ירושה איז נישטאָ קיין אמתע ציוויליזאַציע.

די גאַנצע מעשה וועגן דער „אָפּגעשטאַנענקייט" און דעם „קלעריקאַ־ליזם" פון די יידן אין די פריערדיקע דורות איז באַזירט אויף פּראָפּאַגאַנ־דיסטישע שילדערונגען פון דער השכלה־עפּאָכע. שילדערן אָן עפּאָכע ווי גאָלע ווייס אָדער גאָלע שוואַרץ, איז אַ ליגן, ווייל אין די ליכטיקסטע צייטן זיינען פאַראַנען נעגאַטיווע דערשיינונגען, און אַפילו אין די פינצטערסטע צייטן זיינען פאַראַנען ליכטיקע מאָמענטן, — ווי ס׳ווייזט די יידישע היסטאָ־רישע דערפאַרונג אין די שטאָק פינצטערע יאָרן פון דער נאַצי־הערשאַפט.

די מיטלאַלטערלעכע העברעאישע ליטעראַטור און די אַלט־יידישע לי־טעראַטור זאָגן עדות, אַז מען האָט ניט געדאַרפט וואַרטן ביז משה מענ־דעלסאָן, כדי אין אונדזער וואָרט־יצירה זאָלן זיך אויך געפינען ניט רע־ליגיעזע ווערק, אויפן שטייגער ווי אַזעלכע ווערק האָבן זיך געפינען אין די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער.

אַ באַזונדערע יידישע עקאָנאָמיק

לאָמיר אויך אין זינען האָבן, אַז עס איז פאַראַנען אַ באַזונדערע „יידישע עקאָנאָמיק". צו דער דאָזיקער עקאָנאָמיק געהערן די יידישע צייטונגען, די

יידישע דרוקערייען, די יידישע טעאַטערס, די יידישע שפּייז־קראָמען און די כשרות־אינדוסטריע בכלל. פירן אַן אַגיטאַציע קעגן כשרות, אָדער איינרעדן זיך און אַנדערע, אַז עס קען זיין אַ יידיש לעבן אָן כשרות, איז פּונקט דאָס זעלביקע ווי זאָגן, אַז מען דאַרף נישט קיין יידיש טעאַטער אָדער אַז מען קען זיך באַגיין אָן יידישע דרוקערייען. שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס כשרות איז בפירוש די הויפּט־יסודות פון יידישן קיום, — ווי ס׳לערנט אונדז די היסטאָרישע דערפאַרונג, — איז עס פּונקט אַזוי פאַרברעכעריש אונטערצו־גראָבן די פּרנסה פון יידישע פלייש־אַרבעטער, אַריינגערעכנט שוחטים, פלאָמבירערס און משגיחים, פּונקט ס׳איז פאַרברעכעריש אונטערצוגראָבן די פּרנסה פון די אָנגעהעריקע צו דער שריפטזעצער־יוניאָן און צו דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן. און זאָל מען אונדז ניט פּרובירן איינרעדן אַז „מען דאַרף זיך רעכענען מיט די באַדינגונגען”. אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז ס׳איז אַ מוז זיך צו „רעכענען מיט באַדינגונגען”, דאַרף מען אויפגעבן יידיש, די יידישע שול־באַוועגונג, די יידישע ליטעראַטור און מ׳דאַרף בכלל זיך אַסימילירן. אָבער מיר לערנען פון יידישער געשיכטע, אַז מען טאָר ניט שלום מאַכן מיט נעגאַטיווע באַדינגונגען, — און מאַכן שלום מיט זיי, גראָבט מען אונטער דעם קיום פון יידישן פאָלק. לאָמיר זיך אויך באַפרייען פונעם איינרעדעניש, אַז די מערסטע אַמעריקאַנער יידן לעבן אַ „וועלטלעך” לעבן. צושרייבן די עם־הארצים און די הפקר־לייט וועלכע עס איז „וועלטלעכע” מאַטיוון, איז אַן אומזין, — און גערעכט איז געווען ר׳ מענדל קאָצקער, ווען ער האָט געזאָגט, אַז דער גרעסטער ליגנער איז דער, וואָס נאַרט זיך אַליין...

2.

די תורה איז אַ תורת חיים

די וואָרט־זאָגערס פון דער וועלטלעכער שיטה שטרייכן אונטער דאָס רעכענען זיך מיט וויסנשאַפטלעכע אמתן. זיי זיינען גערעכט, — און דערפאַר דאַרף מען טאַקע פון זיי פאָדערן זיך צו רעכענען מיט די וויסנשאַפטלעכע אמתן פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. די יידישע געשיכטע לערנט אונדז, אַז די תורה איז אַ תורת חיים, — און די תרי״ג מצוות זיינען אַ באַ־שטעטיקונג אַז עס איז נישטאָ אין יהדות קיין פונאַנדערטיילונג צווישן „רעליגיע” און „וועלטלעכקייט”. דער טערמין „רעליגיע” איז בכלל פון די נייע ווערטער, פון די פרעמדווערטער, וואָס מען האָט לפי ערך ניט לאַנג צוריק אַריינגעבראַכט אין יידישן וואָרט־אוצר. „אמונה”, „דת” און „דין” זיינען ניט קיין „רעליגיע” נאָר „יידישקייט”, די קולטור און ציוויליזאַציע פון יידישן פאָלק. יידישקייט איז ניט דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון די פרומע יידן, פּונקט ווי וועלטלעכקייט איז ניט אין אַרענדע ביי יענע, וואָס דרייען זיך אַרויס פון לעבן לויט דער יוריספּרודענץ, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן, כדי יידן זאָלן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין „אַמאַטאָרן־גויים”. גלויבן

אין גאָט, מקיים זיין מצוות איז ניט קיין פאַנאַטיזם, נאָר אידעאַליזם. דער טייטש פון „אמונה״ איז „לאָיאַליטעט״, „געטריישאַפט״.

זינט איר אויפקום שטייט די ייִדישע אמונה אין קאַמף קעגן געצנדינסט. יעדע היינט־צייטיקע נעגאַציע פון ייִדישער אמונה פירט צו עבודה זרה. אויף דער אַנדערער זייט פון ייִדישקייט איז נישטאָ קיין וועלטלעכקייט, נאָר אומ־ייִדישקייט און אַנטי־ייִדישקייט. ייִדישע אינטעלעקטואַלן זיינען געוואָרן אַפּיקורסים דורכדעם, וואָס פונקט ווי זיי האָבן זיך באַפרייט פון אַ סך קינ־דערישע גלייבונגען, האָבן זיי זיך באַפרייט פון זייער קינדערישן אופן פון גלייבן אין גאָט. אָבער, — צי איז דען די ייִדישע אמונה דאָס, וואָס קינדער שטעלן זיך פאָר? צי האָבן ר׳ סעדיה גאון, דער רמב״ם, ר׳ יהודה הלוי, דער אבן עזרא, שד״ל און זייערס גלייכן געגלייבט אין „קינדערישע זאַ־באַבאָנעס״?

אַ ייִדישער פריידענקער איז אויך מחויב אָפּצוהיטן דינים און מצוות, — ווייל ייִדישקייט איז ניט רעליגיע, נאָר די קולטור און ציוויליזאַציע פון ייִדישן פאָלק. ייִדיש איז אַן אינטעגראַלער טייל פון ייִדישקייט. „אַז מען קריוודעט ייִדיש, שענדט מען ייִדישקייט״, — דאַרף מען אַריינשרייען אין די אויערן פון אַמעריקאַנער ייִדן. מען דאַרף אָבער זען, אַז אַנדערע ייִדן זאָלן ניט קענען צוריקשרייען אין דער ריכטונג פון וועלטלעכע ייִדן: „אַז מען קריוודעט ייִדישקייט, שענדט מען ייִדיש!״ נעמט מען אַוועק פון ייִדן אַזעלכע יסודותדיקע אָקטן ווי שמירת שבת, כשרות און תפילה, צעשטערט מען די יסודות פון ייִדישן עטנישן קיום בכלל.

וואָס הייסט ייִדישער חינוך?

צונעמען ביי קינדער דעם רעליגיעזן מאָמענט מיינט באַרויבן זייערע עמאָציעס און בענקשאַפטן, — און דאָס מיינט אויך באַרויבן זיי פון מעשים, וואָס דורך זיי ווערט איטלעכער היינטצייטיקער לאָיאַלער ייִד אַ המשך אין דער קייט פון ייִדן, וואָס האָבן געהייליקט זייערע לעבנס און געגעבן קדושה דער ייִדישער געשיכטע בכלל. אַ סך יחידים פון עלטערן דור מעגן טאַקע צוריקקוקן מיט נאָסטאַלגיע אויף די יאָרן, ווען זיי האָבן געמאַכט אַפּיקור־סישע רעוואָלטן אין שטעטל, — פאַר ייִדישע קינדער אין אונדזערע טעג, אין די אַמעריקאַנער באַדינגונגען, מיינט גאָרניט אַזאַ „רעוואָלט״. דערציען ייִדישע קינדער, אַז זיי זאָלן ניט קענען מאַכן קיין ברכה, ניט קענען זיך באַ־טייליקן אין תפילות מיט אַנדערע ייִדן אויף דער גאַנצער וועלט, — דאָס איז ניט קיין ייִדישער חינוך, נאָר אַ סכנה פאַר ייִדישער פאָלקישער אַחדות. לאָמיר אין זינען האָבן די ייִדישע היסטאָרישע דערפאַרונג, וואָס איז אַפאָ־ריזמאַרטיק פאָרמולירט געוואָרן דורך דער קבלה: „די ייִדן, די תורה און גאָט זיינען אַן איינציקייט״, — ניט קיין פאַראייניקונג פון דריי באַזונדערע זאַכן, נאָר אַ גאַנצקייט, וואָס מען קען ניט פונאַנדערטיילן.

יידיש דאַרף מען לערנען אין אַלע שולן

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום נייטיקט זיך אין טאָג־שולעס, וואָס מען זאָל אין זיי דערציען גאַנצע יידן. אויב מ׳וועט די אַמעריקאַניזירטע יידן דערציילן ווי געהעריק, אַז ס׳זיינען פאַראַנען מאָדערנע שולעס, וואָס אין זיי לערנט מען דאָס גאַנצע יידישקייט, מיט יידיש ווי די לימודים־שפּראַך, וועט אַזאַ שול־סיסטעם האָבן די גרעסטע הצלחה, ווייל זי וועט אַפּעלירן צו טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן אַליין אַן אַקאַדעמישע בילדונג. אינעם איצ־טיקן מאָמענט איז שוין אוממעגלעך, אַז ס׳זאָלן גייסטיק זיך פאַרשטענדיקן קינדער פון ליובאַוויטשער ישיבות מיט די קינדער פון קאָנסערוואַטיווע לערן־אַנשטאַלטן; מיידעלעך פון אגודהשע בית־יעקב שולעס, מיט מיידעלעך, וואָס לערנען אין רעפאָרמירטע זונטאָג־שולעס. די שול־סיסטעם מיט יידיש ווי די לימודים־שפּראַך, דאַרף דערציען קינדער, וואָס זאָלן קענען זיך דורכרעדן מיט אַלע יידן פון גאָר דער וועלט.

אַלע ליבהאָבערס פון יידיש און אַלע קעמפערס פאַר יידיש דאַרפן אין זינען האָבן, אַז אויב מ׳קען נית קיין יידישקייט, קען מען נית פאַרשטיין די אידיאָמאַטיק פון יידיש, — אפילו מיט דער הילף פון פרעמדשפּראַכיקע אויפקלערונגען, ווייל יידיש וואָרצלט אין יידישקייט.

די גמרא איז דער סימבאָל פון אַלוועלטלעכער יידישקייט. אויף אירע דפן און עמודים באַגעגענען זיך מלכים און נביאים מיט תנאים און אמוראים, מפרשים פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד מיט גאונים פון פוילן און ליטע און מיט גדולי־התורה פון אַנדערע לענדער. פּראָפעסאָר לוי גינצבורג האָט זייער ריכטיק אָנגעוויזן, אַז הלכה איז דאָס יידישע אין דעם אוניווערסאַלן, — און אגדה איז דאָס אוניווערסאַלע אין יידנטום. אויך די מאָדערנע יידישע שולע דאַרף סימבאָליזירן דאָס אוניווערסאַלע אין יידנטום און דאָס יידישע אינעם אוניווערסאַלן. די געטרייע און די באַהאַרצטע צווישן די, וואָס רופן זיך וועלטלעכע יידן, דאַרפן איצטער ווערן גייסטיקע רעפּרעזענטאַנטן פון אַל־וועלטלעכער יידישקייט. זיי דאַרפן זיך באַמיען, אַז די קינדער פון זייערע מאָדערנע שולעס זאָלן קאָנען זאָגן: „אַלץ וואָס איז יידיש, איז אונדז נישט פרעמד”; און אַז די דאָזיקע קינדער זאָלן זיין די גאַראַנטיע פאַר דער אחדות פון יידישן וועלט־פאָלק.

ווען די בני־ישראל זיינען געגאַנגען אין מדבר נאָך יציאת מצרים זיינען זיי געגאַנגען לויט אַ באַשטימטער שבטים־רייע. דער לעצטער איז געגאַנגען דער שבט דן, וואָס אַנדערע שבטים האָבן בכיוון אַוועקגעוואָרפן אָדער סתם פאַרלוירן, האָבן די בני דן אויפגעהויבן, אויסגעפּוצט און צוריק־געבראַכט אין באַנוץ. די וועלטלעכע יידן, וואָס ווילן אויף זיך נעמען די יאָכן פון יידישער אַלוועלטלעכקייט, — זיי קענען זיין די בני דן פון אונדזער צייט און צוריק אַריינברענגען די שיינקייטן, וואָס אַנדערע יידן האָבן אַוועק־געוואָרפן אָדער פאַרלוירן, — ווייל אַן דעם באַנוץ פון די אַלטע, אויסגע־

פּרוּוואַטע קיום־גאַראַנטיעס, וואָס די יידישע געשיכטע האָט אונדז געלערנט, וועט גאָרניט דערגרייכט ווערן.

אַזוי ווי איך שרייב די ווערטער פּאַר אַ זשורנאַל פון אַרבעטער־רינג, וועל איך ענדיקן מיט ציטירן דעם זאָג פון אַ יידישן אַרבעטער, וואָס איז געווען אַ פרום, אַ וועלטלעך, און דערצו נאָך אַ געטרייער יוניאָניסט, פון די תלמידים פון יוסף שלאָסבערג. יענער אַרבעטער איז געווען מיין פאָטער, ר' ישראל ב"ר אליעזר יצחק שטאַרקמאַן ע"ה. ער האָט אַזוי געזאָגט: „ס'זיינען פאַראַנען יידן, וואָס היטן ניט אָפּ קיין יידישקייט, ווייל זיי פאַרלאָזן זיך אויף אַנדערע יידן, אַז יענע וועלן דאָס טאָן. מיר זיינען דאָס די אַנדערע יידן אויף וועמען זיי פאַרלאָזן זיך".

די מאָדערנע יידן, וואָס ביי זיי איז טייער יידישקייט, דאָס יידישע פאָלק און דאָס יידישע לשון, — אויך זיי זיינען די „אַנדערע יידן", וואָס מען מוז זיך פאַרלאָזן אויף זיי אַנצוהייבן אַ נייע גייסטיקע תקופה אין דער יידישער געשיכטע.

בלייב און קלייב

פון יודל מאַרק

די זעלבע דיסקוסיע אין יאָר 1938

ווען דער זשורנאַל „קולטור און דערציאונג" האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט אין יאַנואַר 1938, האָט ער גאָטספרייענדלעך אַריינגענומען צו זיך אַ דעבאַטע וועגן יידישקייט און וועלטלעכקייט. די דעבאַטע האָט זיך געצויגן צוויי יאָר צייט, און אין דעם נומער פון יאַנואַר 1940 איז געווען מיין אַרטיקל וואָס האָט זיך געמיט צו פאַרסך־הכלן די פאַרשיידענע מיינונגען און אַרויסזאָגונגען. דער אַרטיקל האָט געהייסן „אונדזער צוויי־יאָריקע דעבאַטע וועגן יידישקייט" און ער האָט איבערגעגעבן גאָר בקיצור די שטעלונגען פון די וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעבאַטע. און אָט זיינען די נעמען פון די דעמאָלטיקע דעבאַטאַנטן: יעקב לעווין, יעקב פאַט, אַברהם גאָלאָמב, לייבוש לעהרער, שמואל ניגער, מנחם באָריישאָ, גרשון פלודערמאַכער, אפרים אויערבאַך, ברוך גלאַזמאַן, חיים באַרקאַן, אַהרן גלאַנץ, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי. עס גייט דורך אַ קעלט דורכן רוקן — כמעט צו אַלע נעמען קען מען צושטעלן די צוויי אותיות, דעם טרויעריקן ראשי־תיבות פון עליו־השלום. (א. אויערבאַך און א. גאָלאָמב יבדלו לחיים, ביז הונדערט און צוואַנציק). דער דעמאָלטיקער פאַרסך־הכלער האָט, אַזוי ווי איצט, פאַרטיידיקט אַזאַ וועלטלעכע יידישקייט וואָס זאָל אַריינגעמען אין זיך אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך פון שטייגער, פון טראַדיציע, פון דורות־דיקער יידישקייט, און וואָס איז ניט קיין סתירה צו אונדזער פרייהייטלעכן אופן טראַכטן.

דער אויספיר פון דערמאָנטן אַרטיקל איז געווען אַז די דעבאַטע האָט

זיך ניט פֿאַרענדיקט, אַז זי קען זיך ניט פֿאַרענדיקן. אָט איז דער סוף פֿון אַרטיקל:

„די אַלע רייד זיינען ניט מער ווי אַן אָנהייב פֿון זוכן אַ טיפֿערן, אַ קלאָרערן אידעאָלאָגישן יסוד פֿאַר אונדזער אַרבעט. וואָרעם מיר אַלע אַרבעטן אינאיינעם, יעדערער אויף זיין געביט, יעדערער כּפי זיינע כּוחות, אַלע בויען מיר אונדזער יידישקייט. אָבער עס קען ניט זיין קיין גרויסע מזל־ברכה, ווען דער פּלאַן פֿון בנין איז ניט קלאָר און ווען מען אַמפּערט זיך וועגן דעם פֿונדאַמענט.

„דאַרף מען ווייטער און בציבור, און אָפֿן, און ערלעך אַרויסקומען מיט ספֿקות, און מיט ווייטיקן, און מיט קשיות און מיט טענות! וועט אפֿשר מיט דער צייט ווערן קלאָרער און גרינגער.

„צי מע וויל דאָס צוגעבן צי ניט — מיר שטייען ביי אַ שיידוועג”.

ווי זעט אויס היינט?

עס איז אַוועק מער ווי אַ פֿערטל יאָרהונדערט — און וואָסערע יאָרן זיינען עס געווען! מיר דאַכט זיך אַז אַ סך זאַכן זיינען געוואָרן קלאָרער. פּראָבלעמען זיינען דיסטילירט געוואָרן דורך בלוט, דורך רויך און אַש. אַלע נעמען איצט אָן וועלטלעכע יידישקייט ניט בלויז ווי אַ יידישקייט מיטן שאַפֿן אויף יידיש, נאָר ווי אַ יידישקייט מיטן לעבן ווי אַ ייד. אָבער גרינגער? אוי, גרינגער איז ניט געוואָרן. אויסראָטונג, טיפֿערע צעשפּאַלטונג צווישן אונדזערע שבֿטים, שפּראַך־אַסימילאַציע, עם־הארצות אויפֿן גאַנצן שטח פֿון יידישקייט ביי דער גרויסער מערהייט מיטל־יעריקע און יונגע, היימען אָן שום סימן פֿון יידישער אַנדערשקייט, אָפּגעקילטע באַציאונג צום אייגענעם פֿאָלק — דאָס אַלץ מאַכט דאָך אין־לשער שווערער, האַרבער, דעם גרעאַנגל פֿאַר קיום, פֿאַר אַ קיום וואָס זאָל האָבן אַ זינען, וואָס זאָל ווערט זיין צו קיומען.

און וואָס שייך אונדזער וועג צו אַן אויסגעפֿורעמטער און אַן אָנגענומענער וועלטלעכער יידישקייט, זיינען מיר בלויז עטלעכע טריט אַוועק פֿון דעם דערמאָנטן שיידוועג. עס איז דאָך אַלץ ניטאָ גענוג מוט צו גיין אויף אָט דעם נייעם וועג. און עס זיינען נאָך אַלץ פֿאַראַן אַזעלכע וואָס ווילן טרעטן אויף צוריק, צו אַ „וועלטלעכקייט” מיט בלויז ניינען, צו נאַקעטער אַנשטייגערישקייט.

עס איז כּדאַי צו פֿאַרגלייכן די אַלטע דעבאַטע מיט דער נייער. אידייאיש איז די פֿריערדיקע דעבאַטע געשטאַנען אויף אַ העכערער מדרגה, אָבער זי האָט ווייניקער אָנגערירט ממשותדיקע און קאָנקרעטע פֿראַגעס וועגן פּי־רונגען. דער איצטיקער וויכּוח איז פּראַקטישער, נענטער צו דער ערד, קען מען זאָגן. פֿריער האָבן געהאַט זיך אַרויסגעזאָגט שרייבערס, איצט — דער־עיקר טוערס. מיט יאָרן צוריק איז געווען אַ מין נשמע, לאָמיר הערן, לאָ־מיר זיך לאָזן הערן; איצט זיינען מיר שוין געקומען צו אַ נשמע ונעשה,

ניט נאָר הערן נאָר טאָקע טאָן. בדרך משל לאָזט זיך זאָגן: פריער האָבן בוימייסטערס אַרומגערעדט דעם פּלאַן פון בנין; איצט טראַכטן באַלעבאָס־טעס ווי אויסצומעבלירן די צימערן (אומאָפּהענגיק פון דעם צי דער בנין אין שוין טאָקע אויפגעשטעלט).

ביז איצט איז דערמאָנט געוואָרן נאָר די דעבאַטע אויף די זייטן פון „קולטור און דערציאונג". אָבער היסטאָריש גענומען האָבן זי דאָך שוין אָנגעהויבן די משכילים; זי איז דערגאַנגען צו קלאָרקייט סוף 19טן יאָר־הונדערט אין אחד־העמס עסייען, אין שמעון דובנאָווס „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום"; זי האָט באַקומען אַ ביסל אַ נייעם זיגזאַג און זשיט־לאָווסקיס „די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט פון דער יידישער רעליגיע", כאָטש אויך דאָ האָט אים למעשה פּאַרפירט זיין ככל־הגוים־פּרינציפּ. דעם אמתן געזאָגט, האָבן מיר אין די לעצטע פופציק יאָר וויניק וואָס צוגעגעבן אַזוינס וואָס זאָל זיין גרונט־אויס ניי. מע האָט דער עיקר צוגעגעבן נייע און נייערע פּירושים און וואַריאַציעס צו דער תּוכיקער אידיי אַז מיר מוזן פורעמען אונדזער לעבן אויף יידיש־נאַציאָנאַלע יסודות, ניט בלויז אויף רעליגיעז־באַשטעמפּלטע. נייע אידייען קומען אויף זעלטענער ווי עס ווערן געבוירן גאונים. די צרה איז וואָס עס געדויערן לאַנגע יאָר־צענדליקער, אַמאָל אַפילו יאָרהונדערטער, ביז זיי דערגייען צום ברייטן עולם און צום פולן פאַר־ווירקלעכן אין לעבן. וועלטלעכע יידישקייט — דאָס איז אַ לאַנגער היסטאָ־רישער פּראָצעס. קלאָר אַז די דעבאַטעס אַרום דעם וועלן אַזוי גיך זיך ניט פאַרענדיקן.

פאַרשיידענע מיינונגען

עס איז ניט פּאַסיק זיך אַריינצולאָזן אין אַ וויכוח מיט יעדערן פון די דיסקוסאַנטן באַזונדער. מע דאַרף נאָר זאָגן — כן ירבו. וואָס מער טוערס און אויך סתם לייענערס עס וועלן אַריינגעצויגן ווערן אין דער דעבאַטע אַרום וועלטלעכער יידישקייט, אַלץ מער ווערט האָט אַזאַ דעבאַטע אין אונדזערע קרייזן, אַלץ גרעסער זיינען די שאַנסן אַז מע וועט אַריבערגיין פון רייד צו מעשים. אוודאי איז ניט גוט וואָס עס זיינען דאָ אַזעלכע דיס־קוסאַנטן וואָס טענהן: ס'איז אונדז גוט און וואויל; פאַראַן ביי אונדז גענוג יידישקייט, מער באַדאַרפן מיר ניט צו באַוואָרענען אַז קינדער און אייניקלעך זאָלן פאַרבלייבן מיט אונדז. אָבער עס איז נאָך ערגער וואָס עס איז דאָ אַזאַ המון־רב וואָס עס גייט זיי בכלל ניט אָן דער גאַנצער ענין יידישקייט. אַלץ איז רעלאַטיוו. אַפילו די וואָס האָבן אַמאָליקע יאָרן געפּראַוועט יום־כיפור־בעלער זיינען דאָך געווען בעסערע יידן ווי די וואָס האָבן אינגאַנצן פאַרגעסן אַז עס איז דאָ אַ יום־כיפור ביי יידן.

עס איז שווער צו פאַרשטיין די לאָגיק, און אוודאי ניט די פּסיכאָלאָגיע, פון די וואָס זאָגן: יאָ יידישקייט, אָבער נאָר אין געזעלשאַפטלעכע פאָרמען. צו וואָס דאַרף מען אַ יידישע יידישקייט, אויב מיר האָבן אַ בציבורדיקע?

יאָ, אַ דריטער סדר אין אַ שיינעם זאַל איז אַ פאַרשטעלונג מיט אַן איינדרוק אויף די באַטייליקטע. אָבער קען זיך אַזאַ דריטער סדר פאַרגלייכן מיט דער וואַרעמקייט און דערווירקונג פון אַן ערשטן אין דער היים? די טראַדיציאָנעלע יידישקייט האָט אויך געהאַלטן פון דעם בציבור און עס איז גלייכער צו דאַווגען אין אַ מנין, אָבער זי האָט ניט באַפרייט פון דאַוונען, פון טלית און תפילין אין דעם אייגענעם ווינקעלע. איינע פון די סיבות, אפשר נאָר די וויכטיקסטע, וואָס די טראַדיציאָנעלע יידישקייט האָט געקענט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון יאַרטויזנטער — איז דאָס אַרומבינדן די היים און דעם יחיד מיט אַזוי פיל מצוות. שוין אָפּגערעדט פון דעם וואָס דער היינטיקער גרויסשטאָטישער מענטש איז ווייניקער אַ בציבור־באַשעפעניש ווי דער שטעטלשער ייד.

לאָמיר דעם גאַנצן ענין אַריבערפירן אויף קלאָרע פלאַכן. איך ווייס אַז דורך דעם פאַראיינפאַכט מען און מע ווערט אַן דאָס אינטואיטיווע, דאָס עמאָציאָנעלע און דאָס איבערשכלדיקע. מיר הייבן אָן מיט דער הנחה אַז אַלע אין אונדזער קרייז ווילן אַז די פיזישע יורשים זאָלן כאָטש צום טייל זיין אויך גייסטיקע יורשים, נאָר פשוטער — קינדער פון יידישן פאָלק. און קיינער וויל ניט אַז מע זאָל מוזן בלייבן יידן איבערגעוואַלד, על פי־מוז, אײבער רדיפות און איבער שנאה. ווי זשע בלייבט מען יידן, ווען זיין אַ ייד איז ניט מער קיין פלעק און קיין שום שטערונג? ווען מע לעבט ווי יידן ווען מען לעבט אַנדערש ווי די אַרומיקע ניט־יידן. עס איז ניט גענוג אַן אומקלאָרע נאָסטאַלגיע נאָך די קינדעריאָרן אָדער אַ נאָך מער אומקלאָרע בענקעניש נאָך דער שיינקייט פון זיידע־באָבישן אויפפיר. עס איז אַפילו ניט גענוג דאָס קענען די געשיכטע פון אונדזער פאָלק און דאָס וויסן וועגן די מנהגים, וואָס די פריערדיקע דורות האָבן איינגעשטעלט און וואָס טראַדיציאָנעל־געטרייע האַלטן זיך ביי זיי. די יידישע אַנדערשקייט מוז זיך אויסדריקן אין דעם אייגענעם לעבן. אַניט פאַרבלאַסט זי, אָט די אַנדערשקייט — און דערנאָך פאַרשווינדט זי אינגאַנצן.

די אַנדערשקייט דאַרף זיין אַ קאָלעקטיווע און פערזענלעכע

די יידישע אַנדערשקייט מוז זיין אי אַ קאָלעקטיווע אי אַ פערזענלעכע, אי אַ בציבורדיקע אי אַ יחידישע. איר זינען איז אין אָפּטיילן אונדז פון דער גרויסער מערהייט און גלייכצייטיק אין צונויפבינדן אונדז מיטן יידישן פריער און מיט דעם יידישן איצט. אַניט וועט דאָך ניט זיין קיין שפּעטער. אוודאי שפּילן דאָ מיט געפילן, אהבת־ישראל; אוודאי דאַרף זיין יידיש וויסן און דאָס אינטעלעקטועלע פונאַנדערקלייבן זיך אין יידישע פּראָבלעמען. אָבער נאָך ערשטיקער איז דער ווילן, דער אינעווייניקסטער זאָג צו זיך אַליין: איך בלייב!

אָט דער 'איך בלייב' און דער נאָך קירצערער 'בלייב' צו די וויטערדיקע דורות האָבן ניט קיין ממשות, אויב זיי באַקליידן זיך ניט אין מעשים, אין קאָנ־

קרעטע טואונגען, אין דעם אינהאַלט פון דעם טייערן אויסדרוק — מצוות מעשיות. עס איז אַ מצווה צו זיין אַ מיטגליד אין אַ יידישער געזעלשאַפט, זיך באַטייליקן אין אונטערנעמונגען און אַקציעס וואָס זיינען גוט פאַר יידן. עס איז אַ שיינע מצווה צו געבן צדקה. אָבער מיט דעם אַליין לעבט ניט דער מענטש. אַ בפירוש ׳פסוק׳: לא על הציבור לבדו יחיה האדם. עס איז וויכטיק ווי דער מענטש פירט זיך. און דאָ קומט אַריין אין שפּיל די וויכטיקסטע אינסטיטוציע, דאָס כישוף־וואָרט — היים.

„בלייב״ באַטייט: פיר זיך מיט יידישע פירונגען, האָב אַ יידישע היים. קומט די נאַאיווע אַפּיקורסות און זאָגט: מיר וועלן אויסטראַכטן נייע פירונגען, איינשטעלן נייע יום־טובים. ווי וועט מען עס טאָן? ווי קען מען עס טאָן? און אויב מע זאָל דערגרייכן, איז עס דאָך אַ ריינע סתירה צום ׳בלייב׳, וואָרעם מע וועט דאָך ווערן אַ נייע סעקטע. פאָלקישע מנהגים און פירונגען זיינען דאָך אַ רעזולטאַט פון אַ געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. זיי בייטן זיך זייער פּאַמעלעך, זיי ווערן מאָדיפיצירט און דאָך בלייבן זיי. מיר געהערן צו די וואָס האַלטן אַז אין דער איצטיקער היסטאָרישער תקופה קומען פאַר און מוזן פאַרקומען בייטענישן. מע מעג בייטן, מע טאָר אָבער ניט פאַרבייטן. פאָלקישע מנהגים און פירונגען געהערן צו די רייפן וואָס האַלטן אונדז צוזאַמען.

דער שטח פון אַנדערשדיקע יידישע מנהגים און פירונגען איז זייער אַ גרויסער. אַוודאי נעמט ער אַרום אַלע, אַלע יידישע יום־טובים. יעדער איינער האָט זיך זיינע שיינקייטן און זיין היסטאָרישן זינען וואָס קען באַקרוינט ווערן מיט אַ היינט־צייטיקן ווערט. אויך פאַר אַ ניט־גלייבער דאַרף יום־כיפור זיין טייער, און ניט בלויז ווייל דאָס פאַרבינדט אים מיט דורות יידן און מיט איצטיקע מיליאָנען יידן, וואָס פאַר זיי איז עס דער יום־הדין, נאָר ער, ווי אַ יחיד, קען געלייטערט ווערן דורך אַ מעת־לעתיקן דיאַלאָג מיט דער אייגענער נשמה. און ווען מע האַלט אין איין וואַרפן אין פּנים: איר קענט דאָך אַליין אין דעם לעבן פון גרויסשטאָט ניט אָפּהיטן שבת, איז דער ענטפער: מע קען אין דער היים אויפהיטן אַ טייל פון דעם שבת — דעם פרייטיק־צונאַכט מיט ליכט און מיט בלומען, מיט וויין און מיט חלות, מיט לידער און מיט משפּחהדיקן שמועס מיט קינדער וועגן דער גרויסער משפּחה, דעם יידישן פאָלק. אָבער אין אונדזער צוזאַמענהאַנג איז ניט שייך אַריינגיין אין פּרטים, עס איז נאָר וויכטיק אַרויסצוהייבן אַז מיר טאָרן זיך ניט פאַרגינען אַנצווערן יידישע פירונגען וואָס מע קען זיך האַלטן ביי זיי, אַפילו אויב די פאָרעם איז צום טייל מאָדיפיצירט. און דער עיקר פון אַלע עיקרים: די יידישע פירונגען מוזן זיין אין דער היים! ולא על ׳היום־טוב׳ לבדו יחיה האדם. אין דער וואָכעדיקייט פון די איבעריקע זעקס טעג קענען אַריינקומען וויטאַמינען פון יידישע פירונגען. אַפילו אין היימען וואָס זיינען אויסגעליידיקט פון דעם גוואַלדיקן פאָלק־אויפהאַלטנדיקן כוח וואָס יידיש האָט געהאַט און האָט נאָך עד־היום.

פאַרהייליקטע פירונגען האָבן אַ נאָמען — מצוות. אָן מצוות איז ניטאָ קיין מענטשלעך לעבן, אָן יידישע מצוות איז ניטאָ קיין יידיש לעבן. פון וואַנען קומען די מצוות? פון דער טראַדיציע, פון דער געזעלשאַפט, פון לעבנס־נויטן און פון אייגענעם געוויסן. די ערשטע מצווה מעג הייסן 'בלייב', בלייב אין דעם קרייז פון יידישע פירונגען, היט אויף יידישע אַנדערשקייט, כדי די טעג פון יידן זאָלן זיך לענגערן אויף דער וועלט, כדי דו זאָלסט ניט זיין געגליכן צו אַן אָפּגעריסן בלאַט, נאָר דו זאָלסט קענען זיך נערן מיט אַלע דורותדיקע זאַפטן.

די תורה איז ניט פון הימל, נאָר פון פאָלק ישראל

און צו אַט דער מצווה קומט צו דער היתר: 'קלייב'. אומזיסט שטעלט מען אויף שטרויענע סטראַשידלעס: שלאָגן כפרות, חליצה און וואָס עס פאַלט נאָר עמעצן איין פון פירעכצן אָדער פון כלערליי סעיפים פון שולחן־ערוך. אין אונדזער באַנעם איז די תורה ניט פון הימל, נאָר פון פאָלק ישראל, וואָס דאָס איז נאָך העכער ווי סיני. און אַבסאָלוט אַלע פירעכצן זיינען אויך ניט מסיני. ווי פרייע מענטשן זאָגן מיר: טאַקע כדי צו קענען נעמען אויף זיך דעם עול פון יידישע מצוות, פירן מיר דורך אַן אָפּקלייב, אַן אויסקלייב, מיר פירן עס דורך מיט דעם רשות פון אונדזער געוויסן, מיט גרויס דרך־ארץ פאַר די פריערדיקע דורות, מיט ציטערניש פאַר אונדזער צוקונפט, און אוודאי אָן שום צולהכעיסן. מיר זאָגן זיך 'קלייב' ווייל אַנדערש קענען מיר ניט, ווייל — ווי פרץ זאָגט — „שטאָלצע יידן זיינען מיר", יידן פון דער איצטיקער צייט און איצטיקער וועלט. און אונדזער תורה איז ניט פאַרן הימל, נאָר פאַר דער ערד וואָס אויף איר טרעטן מיר. דער 'קלייב' איז ניט כדי אָוועקצוגיין, נאָר כדי צו בלייבן. דער 'קלייב' איז ניט אָפּצומעקן אונדזער אַנדערשקייט, נאָר כדי זי אויפצוהיטן.

מיר זיינען ניט אין שטאַנד זיך אָוועקצוזעצן און אָנצושרייבן אַ נייעם שולחן־ערוך. מיר קענען אָבער יאָ אַריינפירן אין אונדזער לעבן וואָס עס לאָזט זיך פון טראַדיציאָנעלע פירונגען. מיר דאַרפן איינער דעם אַנדערן דערציילן ווי אַזוי דאָס גיט זיך איין. עס איז פאַר אונדז אַ צייט פון עקס־פערימענטירן מיט גרויסע סכומען יידישקייט. מיר דאַרפן אַליין זיך ניט בינדן מיט איינרעדעניש אַז מיר זינדיקן דאָ קעגן זיך גופא. פאַרקערט — מיר גייען אויפן וועג צום יידישן איך, לאָמיר זיך באַפרייען פון פאַרעלטערטע פאַרביינונגען, לאָמיר געפינען וואָס מער יאָען פאַר אונדזער יידיש לעבן.

און די דעבאַטע וועגן די אַלע ענינים דאַרף זי ציען ווייטער. זי וועט אַזוי גיך זיך ניט פאַרענדיקן. און אפשר, אפשר וועט פון איר אַרויסוואַקסן אַ געזונטע באַוועגונג צו וועלטלעכער יידישקייט.

their basis must be the commitment to remain a Jew. Such a commitment cannot be effective unless it is implemented through action. This action is personal. Each individual must participate in Jewish activities in the community, but he must also do so in his home, for himself and for his children. In the home, customs and practices which are Jewishly different have to be observed. Only in this way will the commitment to remain a Jew have meaning and value. We must, therefore, accept living as a Jew at home as a Commandment.

This Commandment, however, is tempered by selectivity. Some of the discussants have raised points about customs and ceremonies in the Jewish tradition, which are rooted in superstition or are meaningless. This is not necessary. What we advocate is that the individual and the group be selective. Choose from the Jewish tradition that which is suitable, logical and meaningful for the individual or the group.

We cannot write a new code of practices and observances. We must, however, divest ourselves of the negative approach and take from the traditional that which has value for us.

The discussion has been worthwhile. It will have to be continued. Perhaps a healthy approach to secular Jewishness will emerge from it.

and to denigrate it is to denigrate Jewish tradition. What American Jewry needs is a day school which can produce whole Jews. If day schools were established in which all aspects of Judaism were taught, with Yiddish as the language of instruction, they might be very successful. Such modern schools would appeal to American Jewish parents because they would appreciate the academic setting.

When the tribes of Israel travelled in the desert, the tribe of Dan brought up the rear. As it travelled, it picked up what the other tribes had lost or discarded and preserved it for the people. Secular Jews can be a modern tribe of Dan. They can pick up those aspects of Jewishness which other Jews have discarded or lost, and preserve them — for without the use of the old, time-proven guarantees of existence, which history has recorded, nothing can be achieved.

YUDEL MARK II

Back in 1938, when "Kultur un Dertziung" first appeared there was a spirited debate on the subject of secularism and traditionalism in its pages. Most of the participants in that debate have passed away, but the issue is still alive, and, because the world has changed, is even more real today than it was then. At that time we were approaching the crossroads, but were still at some distance. Today we are indeed at the crossroads, and that is why our current discussion is so important.

I find it difficult to understand the logic and the psychology of those, in the current discussion, who say that they are for Jewish practices, but only on a group basis. According to this point of view, an individual engages in Jewish customs and ceremonies only in public. He is absolved from these matters at home and in private.

Let us clarify and simplify this matter. We are all in basic agreement that we want our physical heirs to remain Jews and perpetuate Jewish culture, not because they would have to, but because they would want to. To remain Jewish without outside pressure, requires the preservation of Jewish differences. These differences must be both communal and personal, and

Sabbath is not only a day of rest, it is a day of exaltation; a day on which our mundane lives become sanctified.

